# דִיא גְרִיזֶעטְקֶע

אָדֶער

די נֵייטֶערְקֶע אוּנ פּוּצְמַאכֶערִין,

מאת אמ״ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ז לפ״ק

---

# ГРИЗЕТКА

Соч. А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографiи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № № 327 и 328.
1877.

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 27 Октября 1876 г. Вильна.

## 1.

### •איינע קליינע פאר ריידע•

אלע מענטשליכע האנדלונגען (מעשים) צערפאלען (צו טיילען זיך) אין דרייא קלאסען, דיא ערסטע קלאסע איזט אין זיך כולל אלע מעשים וואס דער מענטש מוז עס טאן למשל עסען, טרינקען, זיך קליידען, זיך פערהייראטהען, און אזוי אלע נייטיגע מלאכות, ארבעט, געשעפטען וואס זיינען העכסט נייטיג אום צו ערהאלטען דאס לעבען. דיא צווייטע קלאסע איז אין זיך כולל אזעלכע מעשים וואס דער מענטש זאל עס ניט טאן אויף קיינער ארט און ווייזע, למשל מארדען, רויבען, בעטריגען, פרעסען, זויפען, און נאך אזעלכע זאכען וואס זיינען זייער שעדליך פאר זיך און פאר דיא מענטשליכע געזעלשאפט; דיא דריטע קלאסע איזט אין זיך כולל אזעלכע מעשים וואס זיינען ניט פערבאטען צו טאן און אויך ניט נייטיג צו טאן למשל וויא אלע שיינע קינסטע שפילען, זינגען, טאנצען, מאלען, און אזוי אלע מעשים וואס ווערען געטאן אויס בלויזער פערגעניגען אליין און ווייטער ניט:

דיא ערסטע צווייא קלאסען זיינען אלער וועלט בעקאנט, יעדער ווייס אן אונז וואס עס איזט אים אם נייטיגסטען צו טאן, און וואס ער טאר עס ניט טאן ווייל עס איז שעדליך אים און דער מענטשליכען געזעלענשאפט, אלזוי בלייבט אונז איבעריג צו ריידען נור פון דער דריטע קלאסע (דאס הייסט פון אזעלכע מעשים וואס זיינען אונז ניט פאר ווערט צו טאן), ווייל זייא גרענעצען זיך זייער הארט מיט דיא מעשים פון דער צווייטע קלאסע, דאס הייסט פון דיא העכסט פערווערטע

און

אונ שעדליכסטע, עס ליגט צווישען זייא ביידען איינע העכסט שמאלע ליניע. דאס מען מוז זיין העכסט פארזיכטיג אום עס ניט אריבער צו טרעטען, אונ דיזע בעטראכטונג ווינקען אונז אן אונזערע חכמים אין איינער אלעגארישע (פערקליידעטע) שפראכע דארט אין (מדרש קהלת ז׳) אויף דעם פסוק „גם זה לעומת זה עשה אלהים„ זה גיהנם וגן עדן, כמה ביניהם טפח, ר׳ יוחנן אמר כותל, ורבנן אמרו שתיהן שוות כדי שיהיו מציצות זו מזו„ דאס הייסט אזוי. דאס גאט האט גימאכט דעם גיהנם הארט לעבען דעם גן עדן, דאס עס איז קוים דיא ברייטקייט פון איינער האנד צווישען זייא ביידען, ר׳ יוחנן זאגט דאס עס איז נור איינע פשעפארענקע צווישען זייא ביידען, דיא חכמים זאגען דאס זיי זיינען אזו גאנץ הארט לעבען איינאנדער דאס מען קען אריין קוקען פון גיהנם אין גן עדן, אונ פון גן עדן אין גיהנם, דאס איז אבער נור איינע אלעגאריע (איינע פערקליידונג), דאס הייסט זייא מיינען אונטער דיא צווייא ווערטער גיהנם אונ גן עדן, דיא צווייא קלאסען מענשען צדיקים אונ רשעים, אונטער דעם ווארט גיהנום מיינען זייא דיא רשעים וואס זיינען בעשטימט פאר דעם גיהנם, אונ אונטער דעם נאמען גן עדן איזט געמיינט דיא צדיקים וואס זיינען בעשטימט פאר דעם גן עדן. אונ גיבען אונז צו פערשטיין דער מיט דאס זעלבסט דער פרימסטער מאן איז זייער עלול (אין געפאר) צו פערזינדיגען זיך אונ ווערען שוין בעשטימט פאר דעם גיהנם, אונ אזוי אויך פערקערט, דאס דער רשע קען אויך זייער לייכט ווערען שוין בעשטימט פאר דעם גן עדן דורך תשובה אונ מעשים טובים:

אום דיזע געפאהר אויס צוא מיידען, האבין אונזערע חכמים גימאכט דאהער גרויסע גדרים (איינצאהמונגען) אונ האבין אונז אפניהאלטען פון כמה מעשים וואס על פי דין נעהערין זיי צו דיא ענינים וואס זיינען העכסט ערלויבט וויא עס

איז



איז בעקאנט יעדען פון אונז, אונ דאס זעלבינע האבין עס געטאן דיא גרויסע מאראליסטען פון אנדערע אומות:

מען טאר זיך ניט צו פיל זאבאווען זאגען זייא מיט אסוואויסקע קאץ, מיט איינעם צאהמען (איינגעוואוינטען) אפע, פוקס, זעעהונד*) אונ פשיטא שוין לניט מיט דער זינדע, מען מוז איר אויס ווייכען וויא. פון איין משוגענעם הונד, דען זיא איזט פיל געפערליכער אלס איין גר ימינער טיגער, אם דייטליכסטען דריקט זיך אויס דאריבער אונזער תורה אין (פרשה בראשית „אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו**) דאס הייסט גאט האט געזאגט צוא קין ווערסט דוא דיך בעסערען ווערדע איך דיר פערצייהען, ווערסט דוא דיך אבער ניט בעסערען, דאן וועט דיא זינדע לאגערען בייא דער טירע (דאס הייסט וועט זיך דיר איטער מאכען געלעגענהייטען צו זינדיגען אונ וועט דיר זיין בייא דער האנד גלייך וויא זיא וואלט זיך געלאגערט בייא דיינער טיר) אונ וועט האבין גרוים לוסט צו בעריידען דיך, אונ דאך וועט דיר זיין מעגליך צו בעהערשען איר, נון מערקען (דרשנען) אונזערע חכמים אין פילע שטעלען איבער דיזען פסוק, אמאל פערגלייכען זייא דיא זינדע צו איינעם לויערענדען הונד וואס ליגט לעבען אשעמער (אבעקערשען טיש) אלס איין שלומערענדער אום מען

זאל

---

*) כי יש דברים הרבה מרבים הבל (קהלת ו׳) כגון מגדלי ...פות והחולות והולדות הסנאין, וכלב הים מה אית להון הנייה ...נהון, או חד אמכותי, או חד מעקיצו מה הנייה, או חד ...לקא או חד פדעא:

**) ומי יודע אם לא יש כאן תיקון סופרים וצ״ל ואם לא ...טיב לפתח חטאת רובץ ואליו תשוקתך והוא ימשל בך, כמו ...נא׳ בקללת חוה, ואל אישך תשוקתך והוא ימשל בך, מהיות האיש ...חוטא נגרר אחר היצר עד כי ימשול עליו בכל עוז כנודע לכל:

זאל מײנען דאס ער שלאפט באמת און מען װעט אים דאהער ניט אזוי שטארק היטען, קוים אבער בעמערקט ער אײנע סלאבע אסמאטרענע, דאן צופט ער ארונטער אביײגעל, אבולקע, דאס הײסט גיזאגט מען מוז העכסט פארזיכטיג זײן געגען איר, און אמאל פערגלײכען זײא איר צו אײנעם געפערליכען רויבער װאס לויערט אים אויף אין אלע צײטען, און בײא אלע געלעגענהײטען, זיא פאסט אויף דעם מענטשען זעלבסט אים גרויען אלטער, און זעלבסט אויף דעם װעג דער טוגענד, דאס הײסט זעלבסט בײא זײנעם טאן אמצוה װיא עס איזט ארויס צו זעהען פון דעם פאריגען אלעגארישען מאמר זײערען װאס מיר האבין דא גיבראכט דאס דער גן עדן איזט הארט לעבען גיהנם, דאס הײסט עס איז זײער לײכט צו פערקריכען פון אײנער איבער שפאנטע (איבער מעסיגע) טוגענד אין אײנער זינדע, און זײנען דאהער מזהיר דאס מען זאל זיך היטען פון אזוי אײן ארט טוגענד (פרומקײט) װיא פון אײנער געװיסע זינדע:

אזוי זאגין זײא אין מדרש תנחומא (פ׳ נח סי׳ נ״ה) דאס מען איז עובר אויף דעם לאו פון לא תגנוב זעלבסט װען מען גנבת פון אײנעם אטײערען חפץ אום צו בעצאלין כפל, דאס הײסט אום אים מהנה צו זײן אים בדרך כבוד װײל ער איז אײן געהײמער ירא און שעמט זיך אן צו נעמען װאס פון דעם אנדערען בתורת נדבה, און דער װאס טוט עס זעלבסט מיט דיזען אײדעלען אבזיכט װערט געשלאגין מלקות װיא אײן געמײנער דיב, אזוי אײנע געשיכטע איז אונלײנגסט גישעהן אין אײנגלאנד, און װעל איר דיר דא בשרײבן אום דיר מײנע טײערע לעזערין צו בעװײזען פראקטיש װיא עס איז געפעהרליך צו שערצען (טרײבין קאטאװעס) מיט אײנער זינדע און זעלבסט מיט אײנער טוגענדהאפטע אבזיכט דר בײא, דען קײן פערברעכן װערט ניט געאדעלט זעלבסט דורך אײנעם גוטן צװעק.



## 2.

## אײנגלאנד.

װײל דער באדען דאס (לאנד) װאו דיזע געשיכטע האט פאסירט װאר אײנגלאנד, װעלין מיר דא פאראהער אײן עטװאס שרײבין פון איהרע זיטען, דען זאנסט װעט דיזע ערצײלונגען נור האלב פערשטאנדען װערען:

אײנגלאנד איז דאס װאונדערליכסטע לאנד פון דער גאנצען צױויליזירטען (געבילדעטער) װעלט, אין קײן לאנד הערשט אזוי אײנע געשעפטיקײט װיא אין איר, אלעס ארבײטעט אין איר מענטש און טהיר. עס גײען אום לײדיג נור דיא שװײנען, זעלבסט מײז װערען געברויכט צו מאנכע מאשינערײען, עס געניסט דארט נימאנד אײן געבעטעלטען ביסען, עס טוז אלעס פערדינט װערען, און װער עס איז דארט ניט פויל האט צום מויל, און בײא אלעם דעם, זײנען דיא אײנגלענדער העכסט פרײא געביג (נדיבותדיק), װיא עס איזט ארויס צו זעהען פון זײער אײדעלען בענעמען זיך געגען דיא הויזירער*) (קאראבעלניקעס) װאס שנארען אום דארט אין דיא לאנדענער גאסען, דיא אײנגלענדער קויפען בײא זײא װאס זײא ניט ברויכען פאר גוטע פרײזען אום נור מהנה צו זײן דיזע ארעמע קלײן הענדלער װאס פון רעכט װעגען געהערען זײא צוא בעטלען װײל זײא זײנען בלוט ארעם, און מוזען עס טאן אונטער דעם

*) דער גרעסטער טהײל פון דיא דארטיגע הויזירער זײנען אונזערע פוילישע יודען װאס פעראירען זיך אהין אום צו געפינען דאס גליק, און האבין קײן ברויט, און זײנען דאהער דארט העכסט פעראכטעט, אײן האנדװערקער אבער װערט דארט זײער גוט בעלוינט, דאס זײא װערען מיט דער צײט פאבריקאנטען, און גרויסע הענדלער.

פארעם (אוים זעהען) פון קליין הענדלער , ווייל דאס בעטלען איזט דארט פערבאטען :

אונ אזוי איז דארט אן צוא שטויסען אויף טויזענדע קאנטראסטען (סתירות) דיא איינגלענדער. זיינען העכסט רעליגיעז (פרום) אונ פערקאכט אין זייער גלויבין בייא אלעם דעם זיינען זייא העכסט טאלעראנט (צערפליווע) געגען דיא גלויביגער פון איינער אנדערען רעליגיאן זעלבסט געגען געצענדינער , זיינע העכסט געבילדעט אונ העכסט לוינים (קאפריזנע) עס הערשט דארט דיא העכסטע פרייהייט , אונ צוא גלייך דיא העכסטע שטריינגהייט , דאס קלענסטע פערברעכען וואס אין איינעם אנדערען לאנדע קומט מען אפ מיט א טאג פעסטונג אדער מיט אבלויזען ווינעוואר, קען מען אפפוילין דארט דר פר מאנאטען לאנג אין איינער העכסט שטריינגען געפיינגנים , פאר איין קליינעם דיב שטאהל (גנבה) וואר מען פעראייניגע יארען נאך צוריק גיהאנגען , דיא איינגלענדער זיינען קאפריזנע (לוניש) אין אלע זייערע בענעהמען , הויפטזעכליך אין זייער הייזליכען לעבען , אין זייער עסען , טרינקען , וואוינען , קליידען זיך , אונ נאך מער אין זייער פערהייראטהען זיך , אונ אום עס דיר מיינע טייערע לעזערין דייטליכער בעווייזען (דעמאנסטרירען) וועל איך דיר דא איינינע פאקטען (מעשים) פון זייא אלס טריפטינע בייא שפילע ציטירען (בעשרייבען) :

דער גרעסטער טהייל פון לאנדאנער איין וואוינער, זעלבסט גאנצע פאמיליען שפייזען אין טראקטירען אדער אין טאבלע דע-אהט*) אונ פשיטא שוין אונפערהייראטהע פערזאנען דאמען אונ הערען פון דעם בירגערליכען שטאנד , ווייל עס איז העכסט

קאסטשפילינג

*) טאבלע-דע-אהט הייסט אזוי איין טראקטיר וואו עס שפייזען נור בעשטעלטע געסטע וואס קומען זיך צו זאמען אלע טאג צו דער זעלבע שטונדע , אונ צאלען דעם ווירט אלע גלייך

דעם



קאסטשפילינג צו פירען איינע איינענע קיך, איינע קעכין קאסטעט לוין געלט איאר פון צוואנצינג ביז דרייסיג שטערלינג אויסער טיש , אויך היט מען זיך דארט פון איינער איין לאדונג צוא איינעם הערשאפטליכען טיש , דען עס איז אזוי איינע עהרע וואס איזט פערבונדען מיט גרויסע קאסטען , אינ דיזעם בעשטייט נור אין דאס טרינק געלט אדער ביר געלט וואס דער גאסט מוז אוים טייהלען אונטער דיא דארטיגע בעדינטע וואס עס בעלויפט אם ווייניגסטען אויף דיא כובע פון פינף זעקס גווינעען , (איינע גווינע איזט איינע גאלדענע מינצע פון זעקס טאלער) , אונ ווען דער גאכט טוט עס ניט איזט ער דאן שוין אוים גענעצט (הפקר) צו דער גרעכטען בעליידעגונג פון דיא בעדינטען , ער ווערט בעדינט אם לעצטען , ער ווערט ניט ארוים געלויכטען , עס ווערט פערשטעקט זיין מאנטעל , זיינע קאלאשען, אונ עס דויערט גענוג ביז מען זוכט עס אויף , צוואר אין דיא נייערע צייטען הערט עס שוין ביסלעכווייס אויף , בייא אלעם דעם איזט מען נאך העכסט איין געשראקען פאר אזוי איינע קאכטשפילינע איין לאדונג , אונ מען גייט בעסער אין איינער אריסטעראציאן (טראקטיר) אלס אהין , אונ בפרט נאך דאס יעדער האט דארט דאס פאלען רעכט צו שפייזען נאך זיינע לוינען (שגעונות) צו מיט דעם געזיכט צום וואנד צו צו דעם צימער , צו לאנגזאם צו שנעל , צו שמויכען (רייכערען) דער בייא אדער ניין , אונ צו שפרעכען וואס ער וויל , בייא איינעם הייזליכען טיש אבער (באלעבאטישען) טאר ניט גישפראכען ווערין בייא דעם עסען פון וואס לייכטזיניגעם אזוי לאנגע דיא דאמע (ווירטין) דער בייא איזט , דען דיא

דאמען

דעם זעלבען פריים מאנעטליך , אונ קיין אנדערער אויסער זייער קרייז דארף דארט ניט אויף גינומען ווערען אן זייערע איין שטימונג דער צו .

דאמען ווערין דארט פיל מער רעספעקטירט (נעעהרט) אלס אין אונזערע לענדער , זיא ווערט דארט בעטראכטעט אלס קיניגין דעם הויזעס , אויך טאר ניט גערויכט ווערען . ניט געזוונגען אין איר געגענווארט , אלזוי מען געפינט זיך דארט גאנץ געצוואונגען , אונ דאהער ווערען דארט זייער שטארק בעזוכט דיא טאבלע־דע־אהט זעלבסט פון דיא רייכסטע לייטע , אונ זעלבסט פון גרעסטען אדעל ווען זייא זיינען אונפערהייראטהעט :

אלזוי האט איין יעדער ווירט אדער ווירטין פון איינעם טאבלע־דע־אהט זייער פילעס צוא דער ציילען אונ מיט צוא טייהלען וואס וואונדערליכעס אונ לעבערליכעס פון איהרע שטאמגעסטע (שטאלבעזאי) אונ איך וועל דא דער פון נור צווייא אויפטישען , איינע געוויסע וויטווע לעאנארע האט איין געפירט אין אירעם הויזע איין טאבלע־דע־אהט פון דרייסיג פערזאן , אונ האט זיך דער פון זייער שיין גענערט . דען דיזע אלע דרייסיג ווארען אלע אונפערהייראטהעטע אונ זייער גוט בעשטעלט (רייך) אונ זיא וואר אלזוי זיכער מיט זייא דאס זייא וועלין בלייבען פיר אימער אירע געסטע , אונ אין פערלויף פון דרייסיג יאר וואס זיא האט גיהאלטען דיזען אריסטעראציאן האבין זיך נור דרייא פון זייא גיוועקסעלט (דאס הייסט אפ גיטראטען דורך געוויסע הייזליכע (פאמיליענע) אורזאכען אונ זייערע וואקאנסע (ליידיגע) שטעלען זיינען באלד בעזעצט גיווארין מיט דרייא אנדערע שטאם געסטע (שטאוויצנע) וואס איינער פון זייא האט גיהייסען <ווינהאם דזארז>, דיזער הער וואר ביי זיינעם אריין טרעטען אין דיזעם הויז אלט קוים דרייסיג יאר ער וואר פון זייער שיינעם וואוקס ליבליך פון אנזעהן איין טיף געלערענטער מאן , ער וואר אבער גאנץ אונבעקאנט גיוועזן אין לאנדען דען אקארסט דאס ער איז גיקומען פון דער איינגעלישע אסטאינדען פון דעלהיא , דיא ווירטין האט אים פארגעשטעלט פאר אירע שטאם געסטע , אונ זייא האבין אים מיט פריידען אנגענומען פאר איין





מיטגליד צו זייער טיש אונ האבין קיין אורזאך ניהאט עס צו בערייען (חרטה צו האבין) דען ער וואר אגרויסער געזעלשאפטער האט פילעס גיזעהען אין נאטעס וועלט , אונ האט אלזוי ניהאט גינוג צו דער ציילען . דער ביי וואר ער העכסט וויציג אונ פלעגט דער מיט זייער גוט פער ווירצין זיינע ערציילונגען , אונ ווארען אלזוי העכסט צו פרידען פון אים , ניט אזוי אבער דיא ווירטין , זיא וואר העכסט אונצופרידען מיט אים וייל ער האט צווייא מאל אזוי פיל פערשפייזט (גיגעסען) אלס איין אנדערער , אונ דאהער ביי דעם ענדע מאנאט האט זיא גימאכט מינע (גיגעבין אים איין אן צו הערענם) דאס ער זאל זיך זוכען איינעם אנדערען טאבעלע־דע־אהט , אונ האט אים צו גלייך אויך ארוים גיזאגט דיא אורזאך דער פון , אונ ווען ער וויל ביי איר ווייטער פערבלייבען זאל ער איר דאפעל צאלען , „הערען זייא מאדאם“ האט ער זיך אפ גירופען צו איר „דאפעל צאלען ווערדע איך ניט , דען דיזעס וועט זיין ניט צוא עהרען פיר מיך , דאך אבער פעריאגען זייא מיך ניט פון אירעם טיש , דען איך בין שוין איין מאל איינגעוואוינט גיווארען איבער דיזען מאנאט מיט אייך אונ מיט דער טיש געזעלענשאפט , אונ עס וועט מיר שמערצען מיין שיידען זיך פון אייך , אונ זייען זייא זיכער דאס איך וועל אייער קירץ ניט פערלאנגען , איך וועל אייך מיט דער צייט העכסט גוט פערגיטען , דער ווייל אבער מוזען זייא זיך גערולדען אויף איינע לאנגע צייט אונ בעקעסטיגען מיך פאר דעם זעלבינגען פרייז אונ ניט אנדערס , אונ טרויען זייא מיין ווארט“ :

דיא ווירטין וואר גערירט פון זיין שפרעכען , אונ האט אים דער האלטען ביי זיך אויף ווייטער מעהר אוים מיטלייד אלס צו טרויען צו זיין פערשפרעכען , אונ איז געבליבין איר שטאמגאסט (שטאוויצנער גאסט) גאנצע צוואנציג יאר פאר דעם זעלבינגען פרייז , האט איבער דיזע לאנגע צייט אפגעהיט דיא שטונדע פינקטליך וויא זיין בראנעמעטער פלעגט זיך צו זעצען

אויף דער זעלבע שטול , האט געגעסען מיט דעם זעבינגען אפעטיט וויא צום ערסטען מאל , האט אונטער געהאלטען דיא געזעלענשאפט וויא אין אנפאנג , אונ וואר אלזוי דיא פינקטליכקייט אליין אונ איז געוואריך מיט דער צייט דער ליבלינג פון דער ווירטין אונ פון דער געזעלענשאפט דאס זייא האבין אן אים שוין ניט געקענט לעבין אונ זיין , אונ דיא ווירטין האט שוין גאנץ פערציכט (מיאש געווען) פון זיינער פערשפראכענע פערגיטונג , דאך אלעס נעמט איינע ענדע , אונ דיזעס האט דא אויך קיינע אויסנאהמע געמאכט , דען אם ענדע דאס צוואנציגסטען יאהר האט דער וויגהאם דזארז אויפגעהערט צוא קומען :

זיין ניט קומען אין דעם ערסטען טאג האט שוין געמאכט איין גרויסען איינדרוק אויף אלע שטאמגעסטע אונ נאך מער אויף דיא ווירטין · דען זייא האבען שוין פאר שטאנען דאס עס מוז וואס וויכטיגעס מיט אים געשעהען זיין · דען זאנסט וואלט ער געקומען · אונ זיין ניט קומען אויף דעם צווייטין אונ דריטען אונ פערטין טאג האט זייא שוין גאנץ העכסט בעאונרוהיגט · אונ העטען אים געוויס בעזוכט , אדער זיך נאך געפרעגט נאך אים , ליידער וואר ער זייא איין געהיימניס , זייא האבין קיינער געוואוסט וואו ער לאזירט , דיא ווירטין האט זיך נאך געפרעגט אויף אים אין דעם אדרעסנעם שטאל , אונ האט קיינע בעפרידיגענדע אנטווארט בעקומען , דען זיין נאמען וויגהאם דזארז וואר ניט איינגעטראגין דארט , אונ ווארען אלזוי העכסט בעזארגט וועגען אים , אונ עס האט זייא אלעמען לייד געטאן דאס זייא האבין ניט ביז אהער געוואוסט וואו זיין לאזי איזט אונ וואס איזט דא געווען זיין געשעפט , דאך דיזער צווייפעל האט זיך באלד צערשטרייט (פון איין אנדער געשלאגען) דען עס איזט געקומען איין קאמיסאר (קווארטאלנער) צוא דער ווירטין אונ האט זיך בייא איר געפרעגט צו וואר גיט איין געוויסער

וויגהאם



וויגהאם דזארז איר שטאם גאסט צוואנציג יאר , אונ אלס זיא האט עס בייאהעט (געזאגט יא) האט ער איר געבעטען דאס זיא זאל גיין מיט אים אויף דער פאליצייא , אונ דארט האט איר דער פאליצא מייסטער פארגילעזען איין פאפיר פון דיזעם וויגהאם וואס האט געלויטעט (געקלונגען) וויא איין טעסטאמענט (צוואה) קורץ אונ בינדיג אזוי «איך קינראס בערוהיג געוועזענער פראקוראטאר פון אסטאינדישע קאמפאניע וואס וואר איין טישגענאס (איין מיט שפייזער) אין דער אדמיניסטראציאן פון דער מאדראטע לענארע גאנצע צוואנציג יאר אונטער דעם נאמען · וויגהאם דזארזע פערמאך איך איר (זאג איר אפ) פינף אונ צוואנציג טויזענד שטערלינג , פאר איר צוואנציג יעריגען צו טרויען צו מיר נור מיט דעם בעדינג (בתנאי) דאס אזוי לאנג זיא וועט נאך האלטען דעם טאבלע־דע־אהט זאל מיין שטול וואס איך בין געזעסען אויף אים גאנצע צוואנציג יאר בייא איר טיש בלייבען אונבעזעצט פון איינעם אנדערען גאסט , אונ איבער אים זאל דארט הייגען אויף דער וואנט מיין פאטרעט , איך זעלבסט בין פערדרייזט נאך קוועבעק , דיא ווירטין האט אויסגיהערט דיזע וואונדערליכע פארלעזונג מיט איינעם געמישטען געפיל פון פריידע אונ טרויער דען זיא וואר אים זייער גוט , אונ איז איינגעגאנגען אין דיזער בעדינגונג , אונ פילע יארען נאך דיזער געשיכטע איז מען אלס געגאנגען זעהען אין דיזער אדמיניסטראציאן דעם ליידיגען שטול אונ דעם פאטרעט זיינעם וואס הייגט איבער דעם וואנט :

פאר איינם צווייטען אבער נאך מערקווירדיגען בייא שפילען אונז דינען איין געוויסער קויפמאן (יאזעף קאספער) , ער וואר שטיין רייך אונ אונפערהייראטהעט , אונ אלס ער וואר שוין ניט מער יונג האט ער אפגעשניטען פון זיינע געשעפטען אום צו פערלעבין זיינע לעצטע טאגע אין איינעם שטילען רוהע , אונ האט דאהער פילע טעג פערשוואנדעט אום אוים צו זוכען פאר

זיך איינע וואונונג נאך זיינעם געשמאק, ער האט דורך געוואנדרט גאנץ לאנדאן וויא זיא איזט גרויס אונ לאנג אונ האט ניט געפונען איינע וואוינונג פאר זיך וואס ער זאל ניט האבין וואס אויס צו זעצען אויף איר, אונ דיזעם זוכען האט אזוי גידויערט איינינע וואכען ביז דער בלויזער צו פאל האט אים פערפירט אין איינעם געמיינעם ווירט הויז אום זיך צו ערהאלען צו שטערקען אונ וואס צו געניסען, ער האט דארט גיגעסען איין שטיק בראטען, אויס געטרונקען איינע בוטעלע פארטער, אונ האט זיך דער ביי זייער פלוטפ (גראבב) בענומען, דאס דער ווירט האט גיוואלט שוין קוים דער לעבען דיא מינוט לויז ווערען פון אים, ער האט עס אבער ניט גיך ערלעבט, דען ער האט זיך אפ געשטעלט דארט אויף נאכט לאנגער, טראץ (להכעיס) דעם ווירט וואס האט גימאכט דער ביי דיא גרעסטע איינווענדונג אונ גרויסע ערגערניסע, אונ גראדע דאס הארטע בענעהמען פון דעם ווירט געגין אים האט אין אים אויפגעוועקט דעם וואונץ צו פערבלייבען אין דיזעם ווירטס הויז אויף אימער נור אום דעם ווירט צו קוועלען אונ פרעלען (קריינקע אונ להכעיס טאן) דען ער (דער ווירט) וואר ניט מינדער קאפריציעז אלס ער, אונ ביי אלעם דעם פלעגט דער יאזעף אלע טאג זיך איינגאסטירען ביי אים נור פיר דיזען טאג, אום אויסניזעהן צו ווערען ביי אים אלס אנאסט פיר איין טאג, אונ אזוי זיינען זיך איבער געלאפען פילע יארען, אלע אבענד פלעגט ער צו זאגען דאס ער נאכטעט איבער דא דיא לעצטע נאכט נור אונ מארגען ציהעט ער אויס אין איינעם אנדערען ווירטס הויז:

אונ אזוי וואר ער קאפריסנע אין אלע זיינע בענעהמונגען אין זיינעם עסען, אין זיינעם טרינקען, אין זיינעם שלאפען אין זיינעם בעגיין זיך מיט דיא אנדערע געסטע וואס פלעגען דארט הין פערקערען, אונ ביי אלעם דעם האט אים דער ווירט געליטען אונ נעדולדעט ביי זיך אין שטוב ווייל ער האט גימאכט מיט





אים זייער נוטע געשעפטען, דען ער פלעגט ביי אים צו לייען געלט אויף גרויסע פראצענט, אונ דער יאזעף פלעגט ניט ווערלין אפנעהמען ביי אים צוריק ווייל ער האט פאר זאמט דיא בעשטימטע מיזט אים עס אפ צו געבין אים צוריק, ער האט גילעבט זעקס אונ זיבעציג יאר, אונ וואר געזונד ביז דעם לעצטען טאג פון זיינעם לעבען, אונ האט גילאזען נאך זיך איין גרויסען פערמעגען, מיט איין טעסטאמענט (צוואה) וואס וואר אויך געשריבין מיט גרויסע קאפריכען, אזוי למשל וואר אין אים ... גיזאגט זעכציג טויזענד שטערלינג זיינעם אשוועסטערס קינד ...ט דעם בעדינג, דאס דיזער קאפיטאל זאל ליגען אין באנק, אונ דיזער ערבע (יורש) זאל דער פון נור דיא רענטען (פראצענט) ...אבין זא לאנג ער וועט לעבען נור בתנאי דאס ער זאל אלע טאג ... צעהען דעם זיינער ביז אור איינס זיך איינפינדען אויף ... בערזע צום אנדיינקען אונ עהרע פון דער בערזע וואס ער ...ט אין איר זיין קאפיטאל ערווארבען, אונ ווען ער וועט ...פעלען איין מאל אדער חיבגען דיא צייט צום ביי שפיל ...ער וועט קוסען מיט צעהען מינוט שפעטער אדער ער ...אוועק ניין מיט צעהען מינוט פריהער געהערט דער ...טאל צו דעם אידעשען שפיטאל (אויסער ווען ער וועט ...ק זיין) אונ ווען ער וועט עס ריכטיג אפהיטען ביז זיין לעצטען ...קען ער עס פערערבען זיינע קינדער דאס הייסט דאס מען ...זייא אפ געבין דעם קאפיטאל אין גאנצען:

דיזע ירושה אבער האט פערקירצט דאס לעבען פון דיזען ...ן (יורש) דען ער וואר וויא איין צו געקייטעטער צו דער ...ערזע, ער האט ניט געטארט ארויס פארען, אונ האט געמוזט ...סען מיט איינער שטונדע פריהער אונ ווארטען דאס באלד וויא ...ערזע זיך עפענט באלד גלייך איין צו געפינען זיך אויף זיינער ...טעלע, דען ער האט גיהאט זייער נוטע אויפפאסער פון דעם ...דעשען שפיטאל וואס האבין אים נאך געלויערט צו פערזאמט

ער זיך ניט איינינע מינוטען , אונ אלס ער וואר ניט געזונד
האט ער געמוזט ציינען ריכטיגע שווירעצטוועס פון דיא ערצטע
דאס ער וואר ווירקליך קראנק , דער צו נאך וואר ער אויף דער
בערזע גערופען "דער פוסטער קויפמאן" אונ עס וואר
געגלייכווערטעלט איבער אים אין גאנץ לאנדאן :

אונ אזוי אויך זיינען זייא ניט ווייניגער קאפריציאז , בייא
זייער פערהייראטהען זיך , אזוי צום בייא שפיל וואר אונליינגסט
(דאס ניט לאנג דארט איינע מיש מאמזעל) איינע ערבין פון
מיליאנען אונ פון גרויסען אדעל וואס איז געבליבע[...]
אונפערהייראטהעט ביז אין איר פירציגסטען יאר ווייל עס
איז איר קיין פארטי גיפעלען, עס וואר איר אלס צוא קנאפ
נון האט איר אין איינער נאכט אנגעוואנדעלט איינע לוינע (שגעון)
צו פערהייראטהען זיך אויף מארגען מיט דעם ערסטען ליידיגע[...]
(אונפערהייראטהען) מאנס פערזאן וואס וועט אריין טרעטען צ[...]
איר אין צימער , קוים איז גיווארין טאג האט איר דער קאמער דינער
איהרער אריין גיטראגען דיא צייטונג , ער וואר אנגעהאלטען פ[...]
איר מיט דיזען ווארטען (ווערטער) "קארעל ציהע דיך אן אונ
פאהרע מיט מיר אין דער קירכע אום צו הייראטהען מיך" דיזע[...]
קארעל אבער וואס ער האט געוואוסט זיינע דאמע , דאס ז[...]
קען זיך קיינע פארטי צו קלייבען האט עס אנגענומען נור פא[...]
איין שפאס פון איר , דען זיא וואר אימער לוסטיגער דינ[...]
(גלייכווערטעלדיג) , האט זיך אויס גילאכט אונ איז אוועק [...]
איר , קוים איז ער ארויס פון צימער האט זיך געלאזט אנמעל[...]
צו איר איין הויזירער , אונ דיזער וואר קיין אנדערער א[...]
איין אידעשער יונגער מאנציג פון איאר פינף אונ צוואנציג , [...]
האט אים געלאזט אריין שפאצירען צו איר אין קאבינעט , [...]
האט אים פארגעשלאגען דאס זעלבע וואס זיא האט פארגישלא[...]
דא איצונד איר קאמער דינער , אבער מיט איינעם [...]
בעסערען ערפאלג (צוועק , שקוטעק), דען דיזער וואס ער הא[...]



איר ניט גיקענט וואס פאר אם־זורה דאס איז , האט זיך געלאזט
האנדלען , זיא האט אים באלד געלאזט זייער רייך אויס קליידען,
אונ האט זיך מיט אים פערהייראטהעט,זיא האט קיין ריקזיכט
געהאט (אוואזענע) אויף אירע מיליאנען אונ איר אדעל , אונ
ער ניט אויף זיין רעליגיאן אונ לעבט מיט איר אין גרויס רייכטהום
אונ אין עהרען ביז דאטא :

אונ אזוי אויך זיינען דארט זעלבסט דיא קנאבען
(בחורימלעך) ניט פרייא פון אזעלכע וואונדערליכע לוינען
(קאפריזען) דער גרויסער לארד (גראף) מאנטאגוע האט גיהאט
נור איין איינציגען זון איין קנאבע! פון איאר זעקצען וואס
וואר זייער בליהענד שיין אונ העכסט גיבילדעט אונ וואר
אלזוי איין איינציגער ערבע (יורש) פון מיליאנען , האט אים
אנגעוואנדעלט (איבערגיפאלען) דיא לוינע (שגעון) צוא ווערן
ניט אנדערס וויא איין שארענשטיינפעגער (קוימענקערער) , אונ
האט עס אויס געפירט , האט זיך ארויס געשליכען (ארויס
גיגנבת) פון דעם פאלאץ , האט זיך אנגעצויגען רוסיגע (שאזעדיקע)
קליידער אונ האט זיך גישטעלט דינען בייא איינעם שארנשטיינפעגער
(קוימענקערער) , ער וואר בייא אים גענערט מיט שמאלע ביסען
אונ דער צו נאך גאנץ טיכטיג געפריגעלט , דען ער וואר נאך
איין נאוויצע (איין נאיילינג אדער איין גאנץ אונוויסענדער)
אין דיזער ארבייט אונ האט עס אנגענומען גאנץ פערליב גאנצע
ניין מאנאטען האט ער אומגעוואנדערט איבער לאנדענער גאסען
געקליידעט וויא איין קאמינאר מיט דעם בעזען אונ דעם לייטער
אויף דעם רוקען , אם ענדע ווארדע ער ענטדעקט אונ אפ
געפירט גיווארין צו זיינע עלטערען , עס וואר אבער אונמעגליך
אום צו היילען אים פון דיזען קאפריז,דען ער איז באלד ווידער
אנטלאפען פון זייא , איז אוועק קיין ליסאבאן אונ איז דארט
גיווארין איין קליינער מאטראזעל אדער שיפס יונגע , אונ
נאכהער אלס דער שיפס קאפיטאן איז גיוואר געווארין ווער

ער איז אונ האט אים דאהער פון זיך ענטלאסען , איז ער אוועק קיין שפאניען אונ איז דארט גיווארין איין קאמעל טרייבער , אונ אזוי איינער וואר אויך דער העלד*) פון אונזער געשיכטע וואס מיר וועלען דא באלד דער ציילען :

3·

„בענצאע (בן ציון) דער שלאסער גענעל"

מיט איאר עטליכע אונ צוואנציג צוריק האט געוואוינט אין מאנסעסטער איין געוויסער זיידען פאבריקאנט איזאק האפער איין מיליאנאווער מאן אונ פון גוטען בערוף , ער האט גיהאט נור איינעם זון וואס האט געהייסען בענצאע בן ציון**) אונ וואר אלזוי איין העכסט געראטענעם קינד זייער שיין אונ קלוג אונ פיין געבילדעט , אונ וואר אלזוי דיא פריידע פון זיינע עלטערען , נור וויא ביז אים וואר נאך קיין מענטש אויף גאטעס וועלט אן אפעלער אזוי וואר דער פאל מיט אים אויך , ער וואר איין עכטער איינגלענדער פון הויט אונ קנאכען אויב וואויל דיא יודען ווארען נאך דאן דארט גיהאלטען פאר פרעמדע , דאס הייסט זייא ווארען נאך ניט עמאנציפאצירט (קיינע רעכטע גיהאט) אונ ווארען דארט נור געדולדעט וויא אלע אנדערע איינוואנדערער , אבער ניט אנערקאנט פיר עכטע בירגער , אונ ער

---

*) דיא פערזאן וואס ווערט פון אים וואס בעשריבען ווערט אן גערופען דער העלד פון דער געשיכטע :

**) גרונטליך וואקסט דיזער נאמען פון איינעם געווירצהאפטען הארצעס (פעך) וואס פליסט פון דעם בוים בענצאע אין זאמאטריא דארט אין אסטאינדיען אונ שמעקט זייער גוט , אונ מאנכע איבער זעצער זאגען דאס איז קדה פון דיא קטורת :



ער ניט קוקענדיג דארויף וואר פון נאטור גאנץ איינגלענדער , איינזילביג (ווייניג געשפראכען) אונ העכסט שפלענאלגיש (לוינים אדער שיגאנעוואטע) וויא איין זענטעלמאן (איידעל מאן) דאס ער פלעגט צו פערטרייבען מאנכע שטונדע אויף איינער שטעלע אין וויסטע געדאנקען אדער אין דער טיפסטע מאלאנכאלי (מרה שחורה) ביז ער האט אויס געבראכען אין ווייגען אונ דאן וואר ער ווידער הייטער (אויס געלייטערט) אונ אבגעפריסט וויא איין לוסט גארטען נאך איינעם שטארקען אונגעוויטער (רעגענשטורעם) , אם ענדע אבער אין זיינעם זעכצענטען יאר וואר אים שוין איינג גיווארען דאס הויז פון זיינע עלטערען , אונ איז פורט געלאפען , דיא עלטערען האבין אנגעווענדעט אלע קרעפטען אום אויף צו זוכען אים , האבין וועגען דעם געשריבין אין אלע צייטונגען , אונ אבגעשטאכען זיין פאטרעט דער בייא, עס וואר אבער אלם פערלארענע מיהע , דען זייא האבין אים ניט געקענט אויס פינדיג מאכען , אונ האבין אים אלזו שוין בעוויינט ⟨וויא יעקב זיינעם יאזעף⟩ דען זייא האבין פערמוטהעט (געמיינט) דאס ער האט זיך דער טרונקען אין דער טעמזע אדער אינם מעער דען עס איז דארט אזעלכע אקצעס פון טאגעס ארדענונג (געוואוינליכעם) :

דיזער בענצאע אבער האט זיך ניט דער טרונקען . ער איז נור פורט געלאפען,האט זיך פיר דיא ערסטע צייט פערשטעקט אין איינער פישער היטע (שביבעלע) , אונ דער נאך איז ער אן גיקומען אין איינעם אייזענגום פאבריק , אונ האט דארט געארבייט פריהער אלם איינפאכער ראבאצע , בייא דעם שמעלצען אונ גיסען , נאכהער וואר ער געברויכט בייא דער פערפערטיגונג פון דיא פארמען (פורעמס) , אונ מיט דער צייט וואר ער בענוצט צו דעם ארום פיילען אונ צו זאמען שטעלען דיא מאשינערייען גלידער , אונ אם ענדע האט ער דארט ערלערענט זייער ווייט דיא שלאסערייא וואס איז פערבינדען מיט דער גרעסטע מעכאניק ,

דען ער האט גיהאט דער צו זייער גוטע אנלאגען (שפאסאבנאסטי) אונ דער צו נאך זייער געזונד, דאס ער האט גיקענט ווענדען מיט דער צוואנגע (אבצווייגונג) אשטיק אייזען פון אפאר פוד וויא דער שניידער דיא לייכטע נאדעל, אונ האט עס גילערענט נור אום צו קענען אבער נים אום צו פערדינען, אונ איז דורך דיזע מאטריעלע (ווירקליכע) בעשעפטיקיים געהיילט גיווארין פון זיינער מעלאנכאליע, אונ ביא אלעם דעם האט ער קיין לוסט גיהאט צוריק צו קערען זיך אין זיינער עלטערליכען הויז, אונ האט זיך גישטעלט דינען אין איינער אטיליער (פאבריקע) פון איינער גרויסען אייזענבאהן מיט אגרויסעם געהאלט, אלס אונטער שעף:

אונ ווען אויך דיזער שלאג (ארט) מענטשין זיינען דאך על פי רוב רויא, הארט, אונעמפפינדליך (אן געפיהל) וויא דער שטאף (מאטעריאל) זעלבסט וואס זייא בעארבייטען, דאס הייסט וויא דאס אייזען אליין, ביא אלעם דעם איזט ער געבליבן ביא זיינעם פאריגין אדעל, ביא זיינעם שיינעם בענעהמען, ביא דעם לערנען אונ לעזען אבגעהאלטען פון טרונק, פון באקסען זיך *) אונ דאס גלייכען אונ וואר ביא זיינעם אויבער שעף זייער געאכט אונ געליבט אונ ביא אלעם דעם וואר ער איין געהיימניס פאר אים, דאס הייסט ער האט ניט גיוואוסט ווער ער איז אונ פון וואנען ער שטאמט דען ער האט גימיינט דאס ער איז איין קינד פון ארעמע עלטערען אדער גאר איין וויייזע (יתום) וויא דיא אלע אנדערע

ראבאצעם

---

*) באקסען הייסט דאס זעלביגע וואס מען רופט ביא אונז פאקולאצקע, דארט אין איינגלאנד איז עס זיטע שוין פון לאנגע דאטען, עס איז דארויף דארט איין גאנצער שטודיום, אונ מאנכע פון דיזע וואס זיינען העכסט געשיקט אין דיזער קונסט שטייען דארט אין איינעם גרויסען בערוף (שם):



ראבאצעם וואס הייבען אן אין דיא פאבריקין פון א אונד ענדען ביז צעט.

נאך מער אבער איז ער געשטאנען אין אבטונג ביא דער פרויא פון זיינעם שעף איינע וועלט קלוגע דאמע. ער איז איר געפעהלען זייער. ווענען זיינע גוטע גייסטיגע אונ קערפערליכע איינענשאפטען. פלעגט אים זייער אפט איין צוא לאדען צו זיך אויף איין אבענד אום צו האבין איינע גוטע געלעגענהייט דער ביא אונטער צוא האלטען זיך מיט אים, דען ער וואר זייער וויציג אונ בעלעזען, אונ ביא לייפיג (אגב) אום פאר צו שלאגין אים איינע פארטיי (אשידוך) מיט אירע אפערוואנדעטע (אקרובה) (דען זיא אונ איר מאן וואריען אויך יודען) ווייל שוין אין יענער צייט וואר שוין דארט גרוים נויט מיט דען מיידכען*) דאס יעדע מוטער וואס האט נור גיהאט איינע צייטיגע טאכטער אדער איינע מאטראנע (עלטליכע דאמע) וואס

---

*) אין איינגלאנד איז זייער שווער צו בעקומען אמאן פאר אטאכטער זינד עס זיינען ערפונדען גיווארין דיא דאמפף שיפען אונ דיא אייזענבאהנען וואס דיא איינגעלשע יוגענד פערדייזען אויף זייא אין אלע וועלט ענדען, אונ דיא וואס פערבלייבין אין איינגלאנד פירען אויך קיין זיצעקעם לעבען זייען אימער אויף ווייטע רייזען. אונ זיינען אלזוי וויא צו זאגען נים געשאפען פיר איין הייזליכעם לעבען, דאהער איז דיא רעגירונג געניייטיגט פילע טויזענדע ארעמע מיידכען צו פערזענדען (צו פערשיקען) אלע יאר נאך דיא ווייטע קאלאניען איבער הויפט נאך אסטראליען וואס עס קומען אהין פילע יונגע לייט אן פרויען אום צו בעזעצען זיך דארט, אונ דיא רייכע לייט אין לאנדאן פארפירען זייערע טעכטער נאך אסט-אינדיען אום צו פערהייראטען זייא מיט דיא דארטיגע נאבאבען (גרויסע גוטין בעזיצער), אין אונזערע צייטען גייען דארט איבער פילע

קריפעליכע

וואס האט גיהאט איינע ערוואקסענע וויזע (יתומה) אין איר
פאמיליע האט ניט פערזאמט אונ ניט אויסען געלאסען קיינע
גילעגענהייט אום צו פערסאהרען עס אן דעם ערסטען בעסטען
(בעז וויבארנעם) יונגען מענטשען וואס איז אזוי גאר מיט פיל
גראדען נידעריגער אלס זיא , דאס מיידכען וואס זיא האט אים
פארגעשלאגען וואר איין היפשעם קינד פון רייכע עלטערען ,
וואר נאך דער צו איינע אונ האבין אים גיוואלט מאכען פאר זייער
איינציגען ערבען (יורש) אלזוי פאר איינעם אנדערען אין דעם
גראד וואס ער האט פאר איר אוים געוויזען וואלט עס גיוועזען
אגליק , ניט אזוי פאר אים , ערכטענס ווייל ער אליין (וויא ער
האט געוואוסט ביי זיך) איזט דאך פון מיליאנאווע עלטערן ,
אונ צווייטענס וואר אים דאס מיידכען ניט נאך זיינעם געשמאק ,
דען זעלבסט איין מענטש וואס איז אימער אין איינעם נארמאלען
(רעגולארנעם) צו שטאנען (דאס הייסט אימער ביי דעם גראדען
פערשטאנד) איז אויך העכסט לויניש (שיגאנעוואטע) ווי עס קומט צו
טאן אשידוך , אונ קלייבט דער ביי פיל מער אלס אדם הראשון
וואס האט זיך ניט גיקענט אויסקלייבין אפרויא פון דיא מיליאנען
געשעפע וואס דער בורא האט זייא פארגעפירט פאר ביי אים*)
אונ האט אים געמוזט אלזוי שאפען זגאר איינע נאגעל נייע
פרויא , נון וואס זאלין מיר שוין ריידען פון אזוי איינעם וויא
אונזער בענצאע וואר וואס האט שוין אמאל געליטען זייער
שטארק

קריקטליכע טעבטער אין דעם אידעשען גלויבין אום צוא
הייראטהען אידישע יונגע לייט וואס זיינען גרויסע קויפלייטע
אונ פאבריקאנטען :

*) מדרש (בראשית י״ז) חזר והעבירן לפניו זוגות, אמר לכל
יש בן זוג ולי אין בן זוג , דאס הייסט נאט האט פאר געפיהרט
אלע געשעפע פאר אים מיט זייערע ווייבער אונ ער האט גיזאגט
דאס אונטער אלע דיזען איזט קיינע ווייב דא פאר מיך :



שטארק פון דער מעלאנכאלי אונ וואר העכסט שפלענאלגיש
(שגעונידיג) , אלזוי ער האט דיא פארטי אוים גישלאגין , (האט
זיך ענטזאגט) אונ איז געבליבין אונאייניג מיט זיך זעלבסט אין
בעטרעף (מכח) איינע פארטי , ערסטענס האט ער זיך ניט
גיקענט בעשליסען צו זאל ער יא טאן אשידוך צו גיין , אונ
צווייטענס מיט וועסען, אונ פילייכט דארף נאך ערסט אזוי איינע
גיבארין ווערין וואס זאל אים קענען גיפעלין , אונ וואס פער איינע
ער זאל ווייהלען האט ער זעלבסט ביי זיך ניט געוואוסט ,
ניין ! האט ער צו זיך זעלבסט געזאגט ניין , איך מוז צוואר
הייראטהען אום צו פירען איין ארענטליכעם מוראלישעם לעבען ,
אבער נאך בין איך ניט אין שטאנדע מיר זעלבסט צו ערקלערען
וואס איך ווינץ , איך מוז פון איינעם מיידכען פלעצליך איבער
גיפאלען ווערין אונ געפעסעלט ווערין אין אירע ליבענסקייטען
טראץ מיינעם ווילען , אונ ניט וויסענדיג צו איזט זיא אין דער
טהאט (באמת) ווירדיג געליבט צו ווערין , איך מוז פון איר
בעצויבערט ווערין וויא דער פאגעל פון דער קלאפער שלאנג ,
אונ אזוי וויא ער שטירצט זיך אריין צו איר אין מויל*) אזו מוז
איך ווערען צו צו מיינעם גליק אדער צו מיינעם אונגליק אריין
געשטירצט ווערען אין איר נעץ אהנע עס זעלבסט צו ווערלען
אונ

*) עס איז דא איין מין שלאנג וואס הייסט דיא קלאפער
שלאנג , זיא איז דיא גיפטיגסטע אין דער וועלט , אונ זיא האט
אין זיך איינע מאגנעטישע קראפט , דאס יעדער פאגעל , האז ,
קאנינכען (קראליק) וואס זיא מוט נור אבליק אויף אים לויפט
ניט ווילענדיג אריין מיט אגרויסען פיסצען צוא איר אין מויל
וואס זיא האלט דאן שוין אויפגעשפארט , זעלבסט איין מענטש
איז ניט פרייא פון דיזער אנציהענדען קראפט איהרע , ער איזט
אבער פיל מעכטיגער פאר איר אום עס צו איבער ווינדען (ביי
קומען) אדער מנצח זיין :

און דיזעם איזט ווירקליך גישעהען וויא מיר וועלען עס באלד אין דעם פירטען קאפיטעל דער צייל׳ען :

## 4.

### דיא גריזעטטע (נייטערין (נייטערקע) עליזאבעטטע (אלישבע)

עס איז דער מענטש עפעס שוין וויא אזוי געשאפען אויף צו זוכען דאס נייטיגע און נויטוועדיגע וואס ער האט עס לעבין זיך הארט ביי דער האנד , גראדע מיט גרויס מיהע אין איינער ווייטע פערנע (מרחק רב) , און זיך נור צו קענען לייכטער צו בעטריגען , אזוי טוט מען על פי רוב שידוכים פון דער ווייטען אום צו בעקומען עפעס אשטיק צרה אחורבן ווערענד (בשעת) מען האט ביי זיך אין שטאט פיל בעסערם און גלייכערם *) מען פארט אין דיא ווייטע ערטער זיך קידירען אום בדלות צוא ווערען אדער ווען עס גיראט אויך צוא שטארבען

ווערענד

*) איין געוויסער גביר וואס האט בעקומען איין איידעם פאר שווערעס געלד פון אנאנץ ווייטע שטאט וואס וואר איין בענגעל (פלאקען) פערוואי סארט , האט זיך באלד נאך דער התונה זייער שטארק גיערגערט אויף זיין פורמאן זייענד מיט אים אונטער וועגענם פאר וואס ער האט זיך טיף פערגאנגען אין וואלד אום אוים צו זוכען אבייצשטעקעל „דוא האסט עס דאך גיקענט בעקומען דא פון פארענט„ האט ער צו אים גיזאגט מיט גרויס אינגרים „און איר מיין ליבער הער„ האט זיך דער פורמאן אפ גירופן צו אים „צו וואס האט איר גידארפט נאך פארען פאר הונדערט מייל צו בעקומען אזוי איין פלאקען פאר איין איידעם ווערענד איר האט עס גיקענט בעקומען אין אייער שטאט פיל וועלוועלער„ :



ווערענד (בשעת) מען קען עס דא מיט פיל ווייניגער מיהע און קאסטען בעווייזען , מיר גראבין גאנץ טיף אין דער ערד . איך מיין אין דיא זילבער מינען און גאלד מינען מיט דער גרעסטען לעבענם געפאר אום ברויט צו האבען ווערענד (בשעת) מיר קענען עס בעקומען פיל לייכטער און זיכער אלם מיר וועלין דיא ערד נור פון אויבען עטוואם אויפקראצען *) (אקערען און זייען) , אונזערע מיידכען און פרויען שמיקען זיך (צירען זיך) מיט טייערע בורלאנטען מיט פערעל , וואס ווערען ערקויפט פאר שווערעס געלד און זייער אפט נאך פאר דעם פרייז דער אונשולד ווערענד מען קען זיך מיט פיל זיכערערע און פיל וועלוועלערע, און דר צו נאך פיל צירליכערע צירונגען צירען , מיט שיינע רויטע וואנגען (בעקלעך) , מיט קלארע און פריינדליכע אויגען , מיט איינעם רונדען געזונדען קערפער , מיט איינער רייהע (ציילע) ווייסע און געזונדע צעהנע (ציינער) וואס מען ערוועבט עס (בעקומט עס) נור דורך איין קרעפטיגעם עסען און דורך איין גוטען געוויסען , און דיא גרעסטע צירדע (צירונג) פון איינער פרויענצימער אדער מיידכען וואס קאסט גאר קיין געלט איזט דיא נאאיפעטעט (תמימות אדער דיא אונשולד) , און דאך צו אונזערען לײדוועזען פערווארפען פילע פון זייא דיזע טייערע קליינאדען , דיזע טייערע גאבען גאטעם , אום איינצוהאנדעלען דערפאר וויים דער ליבער גאט וואס פר שנערקעלייען (דומהייטען) וואס זיינען פון קנאפען דויער און דער צו נאך פערבונדען מיט

קומער

*) און דיזעם וואר דער וואהרער זין (מיינונג) פון דעם אשמדאי וואס האט גילאכט פון דעם מענטשען וואס האט גיוואלט מיט זיינער צויבערקונסט אויף זוכען איין אוצר און האט אים גיזאגט וואס זאלסט דוא זוכען איין אוצר אין דער ערד ווערענד דוא שטייסט אויף איין אוצר, דאס הייסט אויף אגוטע שטיקעל ערד וואס קען דיך גענערען :

קומער און טרויער צו דיזער קלאסע געהערען הויפטזעכליך די קעל־נערינען (דאס הייסט אזעלכע מיידכען אדער פרויען וואס בעדינען די געסטע אין די ביר האלען אין די וויין שיינקען און דאס גלייכען), צווייטענס די באללעטטענצערינען*) דריטענס זיינען די גריזעטקעס, דאס זיינען נייטהערינען, די פוצמאכערינען דארט אין אויסלאנד, וואס זיינען דארט העכסט לייכט פערטיגע מיידכען (לעטקע) און שטייען דארטן אין איינעם העכסט צווייד־ייטיגען בערוף, און דאהער איז גאנץ זעלטען דאס אזוי איינע זאל דארט בעקומען איין מאן פון שטאנד און כאראקטער, פערהייראטהען זיך על פי רוב מיט לייכט פערטיגע יונגע לייט (לעטקע הארא נגעס) פון זייער שלאג גלייכען און פיהרען אלזוי איין אונשטעטעס לעבען:

און גראדע אין אזוי איינע האט זיך פערליבט אונזער העלד פון אונזער געשיכטע דער בענצאע וואס דיזעם האט איהם גראדע געפירט דורך דעם גאלגענבראם (דורך דעם תליה טויער צו זייערען ביידענס גליק וויא מיר וועלין דא באלד דער ציילען:

דיזע גריזעטקע (נייטערין) האט גיהייסען עליזאבעטע (אלישבע) ברעננעסעלט (קראפעווע) דיזעם וואר קיין פאמיליען נאמען, דען נימאנד האט געוואוסט אזוי גאר פון וואהער זיא שטאמט, זיא האט דיזען נאמען אדר צונעמענס בעקומען אויס איינער אורזאך וואס וואר איר גראדע צו עהרען, זיא האט זיך ניט גילאזט בעריהרען פון קיינער לייכטפערטיגע האנד וויא אנדערע אירעם גלייכען וואס לאזען זיך קענעלען (אומוואר פען) וויא איין פעדערבאל (פילקע) פון איינעם יונגען הערכען צוא דעם

אנדערען

*) ווער עס וויל וויסען וואס עס זיינען די באללעטטענצערינען דארט אין אויסלאנד זאל לעזען איין דייטשעס ווערק וואס הייסט אראפייעשעס לעבען פערפאסט פון איינעם געוויסען געלעהרטען האקלענדער, צעהנטער באנד:



אנדערען אלם צו נאבע (באריש) צו דער געניא וואס זיא טראגען זייא אב, ביא איר וואר דיזער פאל ניט, די לייכטפערטיגע האנד פון איינם יונגען מאן וואס האט זיך נור ערפרעכט (די האזע גיהאט) צו בעריהרען איר ליכטערענד האט זיא צוא שטאכען מיט איר נאדעל זייער געשיקט, האט איר פערזעצט (גיגעבין) הונדערט שטיכע אין איין אויגענבליק, דאס יענער האט גימיינט דאס ער וואר געגייסעלט (געשמיסען) מיט איינעם בונד פון גראבען נעסעלט (קראפעווע) דען זיא וואר העכסט קייש צניעדיג) גאטעס פירכטיג און טוגענדהאפט, אלזוי איין פארנעמען אויסנאהם) פון איר מיידכען קלאסע, און ביא אלעם דעם האט יר אן געניא ניט געפעלט, האט ארבייט בעקומען זעלבסט פון יא געלאנטניסטע יונגע הערען, דען עס וואר ביא זייא איינע ריידע איר צו זעהן נור, און צו הערען איר שפרעכען וויל זיא אר שיין איבער די מאסען (איבערען מאס) איין מייסטער שיק גאטעס, און וואר נאך דאצו געצירט מיט דער ווייבליכע אנע (קרוין) מיט דער נאאיפעטעט (תמימות אדער אונשולד) אס דאס צירט זעלבסט איינע העסליכע אזוי גאר, אדער איינע טע פרויא*). זיא האט קיין יונגען רייכען לארדען (גראפען) אלם אינם געזיכט געקוקט, איהרע ווערטער ווארען געצייהלט, ץ און בינדיג, עטוואס מעלענכאליש (טרויעריג) דאך העכסט ענעהם און צויבעריש וויא זיסע קליינגע פון איינער בעקאנטען אבער דאך פיל בעסערען וועלט אלם די זעריגע איזט, זייא ווארען הערויס געשפראכען וויא פון ן שווער געפערעסטעם ברוסט און בעקלעמטען בוזעם און

דיזעם

*) (מדרש חיי שרה) יודע ה' ימי תמימים, כשם שהם תמימים שנותם תמימים, בת עשרים כבת ז' לנוי בת ק' כבת כ' א, יסוד של המאמר הזה הוא על סגולות התמימות המיפה גם נה, כידוע לכל יודעי תנאי העסטעטיק.

דיזָעם וַואר עָס צוּ לָעזָען פוּן אִיר גָעזִיכְט וָואס וַואר אַיין עָטְיָאס
אֲנָנעהויכְט פוּן אַיינָעם גָעווִיסָען טְרִיבְּזַאל וָואס דִיזָעם הָאט נָאך
זֵייעָר פִיל בַּייא גָעטְרָאגָען (פָערְמֶעהְרְט) אוּנ זֵייעָר גוּט צוּא
גָעפִּינְזֶעלְט (צוּא גָעמָאלְט וִויא מִיט אַיין פֶענְזָעל) אִיהְ
אוּנְשׁוּלְדִיגָעם אַיינְגָעל גָעזִיכְט.

אַלְזוֹי מַיינָע טַייעָרָע לָעזָערִין גַאנְץ גָענוּג שְׁטָא
(מַאטָערְיָע) אוּנ צְווִיבָּער אוֹיף גָעהַייפְט אִין אַיינָעם אַיינְצִיג
מַיידְכָען אוּם אָן צוּא צִיהָען אָן זִיך אַזוֹי אַיין יוּנְגען מַאן
אוּנְזָער בֶּענְצָאָע וַואר וָואס וַואר זֵיין אֵייגָענָער הָער אִיבּ
זִיך זָעלְבְּסְט, בֶּעצִינְלִיך (שַׁייכוּת) זַיינָער פָערְמֶעהְ
(פָערְהַייראַטְהוּנְג) דָען זַיינָע עָלְטָערָען הָאבָּען דָאך גָאר
גָעוואוּסְט פוּן אִים דָאס זַייא זָאלֶען אִים קֶענָען שְׁטָערָען אִין זַיי
וַואהְל (אוּים קְלַייבָּען זִיך אַכַּלָה), עָר הָאט אִיר דָעם עָרְ
מָאל בֶּעקוּמָען צוּא זָעהָען בַּייא זַיינָעם שָׁעף אִין הוֹיזָע
הָאט זִיך פָערְלִיבְּט אִין אִיר, הָאט זִיך נָאך גָעפְּרֶענְט
אִיהְר בַּייא זַיינָער פְרוֹיא, אוּנ אַלְס עָר אִיז גֶעוָואר גָעוָו
פוּן אִיר אַלֶעם וָואס מִיר וַוייסָען, הָאט עָר זִיך בֶּעשְׁלָא
צוּא הַייראַטְהָען אִיר אוּנ הָאט אִיר (דָעם שָׁעפְּס וַוייבּ) גָעבָּ
דָאס זִיא זָאל אַיינָע פָערְמִיטְלֶערִין זַיין אִין דִיזָער פַּארְטִי זִיא
אִים אִין אֲנְפַאנְג אַזוֹי גָאר אָפְּגֶעשְׁלָאגָען דָער פוּן, זִיא הָאט
גָעזָאגְט דָאס בַּייא אַלֶע אִיהְרָע גוּטָע אַייגָענְשַׁאפְטָען (מַעלֶ
דַארְף דָאך אַזוֹי אַיינָער וִויא עָר וָואס אִיז אַיין זָאלִי
יוּנְגָער מַאן אוּנ הָאט אַיין נוּטָעם אוּנְטָער קָאמָען (שְׁטָט
דַארְף קַיינָע גְרִיזָעטְקָע נִיט הַייראַטְהָען, דָען דָער נָאמָען
אִיז שׁוֹין גָענוּג אָפּ שְׁרֶעקֶענְד פַאר אַיינָעם בְּרַאוָוען מַאן
אָבָּער הָאט זִיך דָער פוּן נִיט גָעמַאכְט „אִיך בִּין אוֹיך פִיל מֶע
הָאט עָר בַּייא זִיך גֶעטְרַאכְט „אַלְס אִיך זָעהָע אוּים בַּייא אַיי
אַנְדָערָען, אִיך בִּין אַיין זוּן פוּן פָארְנֶעהְמָע אוּנ מִילְיָאנָא
עָלְטָערִין, אוּנ וָוער גֶענַאעֶנְט פוּן אַיינָעם אַנְדֶערִין מִיט

נאמען



נָאמָען „שְׁלָאסָער„ דָאס זָעלְבָּע קָען זַיין מִיט אִיר אוֹיך, דָען
אִיך זָעהָע אִין אִיר אַיין קִינְד וָואס אִיז גָעמִינְצְט (גָעמַאכְט)
צוּא וָואס בֶּעסָערָעם אַלְס אַיינָע גְרִיזָעטְקָע צוּא זֵיין, וָוער
וַוייס וָואס עָס הָאט אִיר דָער צוּא גָעבְּרַאכְט, נוּן קָען מָען
מִיר אַיינְוָוענְדָען אוּנ זָאגָען דָאס זִיא אִיז אָרָעם, אוּנ דִיזָעס
אִיז דָאך בַּייא מִיר קַיין פֶּעהְלָער, אִיך בִּין פוּרְט גִילָאפִּין
פוּן רַייכָע עָלְטָערִין, אוּנ פִילַייכְט נָאך צוּא לִיבּ דָעם אַלֵיין
דָאס אִיך זָאל קֶענָען וַוייהְלָען (אוּים קְלַייבָּען) אַיינָע פַּארְטִי
נָאך מַיינָעם הָערְצָענְס לוּסְט, אוּנ אִיצוּנְד אַלְס דִיזָע גְרַאדָע
גֶעפֶעלְט מִיר וָוארוּם זָאל אִיך אִיר נִיט הַייראַטְהָען„.

קוּרְץ גָעזָאגְט עָר הָאט זִיך נִיט גָעלָאזְט אַיינְוָוענְדָען פוּן דָעם
שָׁעפְּס פְרוֹיא, אוּנ הָאט אִין אִיר גָעדְרוּנְגָען דָאס זִיא זָאל
אִין דִיזָער זַאכָע דִינָען אַלְס אַיינָע טְרַייעָ פָערְמִיטְלָערִין
זִיא אִיז אִין דָעם אַיין גָענַאנְגָען (מְרוּצָה גִיוָוארִין) זִיא
הָאט זִיך אָבָּער נִיט גִיקָענְט גָענוּג אָפּ וואוּנְדָערִין אַלְס זִיא הָאט
דָעם עָרְסְטִין פָארְשְׁלַאג וָואס זִיא הָאט אִיר גִימַאכְט
בֶּעקוּמָען אַיין אָטְקַאז דָען זִיא וַואר אוֹיך אִין דָער מַיינוּנְג
הַייראַטְהָען נוּר נָאך אִיר הָערְצָענְס לוּסְט אָבָּער נִיט
טָאן אַיין בְּלוֹיזָען בְּרוֹיט שִׁידוּך, דָאס הַייסְט צוּא
הַייראַטְהָען נוּר אַזוֹי אַיינָעם וָואס הָאט אַגוּטָען פֶערְמֶעגָען,
אָדֶער אַיין גוּטָען הַאנְדְוָוערְקָער וָואס הָאט אַיין גוּטָען אוּנְטָער
קוּמָען (אַשְׁטָעלָע). אוּנ עָס הָאט אִיר גֶעקָאסְטָעט גענוּג מִיהָע
בִּיז זִיא הָאט אִיר אִיבָּער צַייגְט (אוֹיף קְלָאר בֶּעוִויזָען) דָאס
אַיין מַיידְכָען וָואס טְרָאגְט נוּר דָעם נָאמָען פוּן גְרִיזָעטְקָע אוֹיף
זִיא מָעג זַיין רֵיין וִויא אַיין צַיינְגָעל גָאטָעם דַארְף נִיט
פָערְיִהְלָען מוּז זִיך פָערְהַייראַטְהָען מִיט דָעם עָרְסְטִין בֶּעסְטָען
יוּנְגָען מַאן וָואס וִיל אִיר נֶעהְמָען וָואס אִיז נוּר אַיין עָרְלִיכָער
אִין אוּנ וָואס אִיז אִין שְׁטַאנְד צוּא גָענֶערָען אִיר, אוּנ
בֶּעזוּנְדֶערְס וָוען מָען אִיז שׁוֹין עָטְוָואס גֶערִיקְט אִין יָארָען, אוּנ

צווייטענס

צווייטענס דאס דער בענצאנע איז ווירדיג גענוג צו הייראטהע
דיא בעסטע טאכטער פון איינעם בעסטען רייכען ביר
דען ער איז איין געבילדעטער מאן אונ פון בעסטען כאראקטער
אלזוי ווען זיא נור קיין לוסט האט צו ציהען נאך אסטראליע
וויא אלע מיידכען איהרעס גלייכען אום צוא ווערען דארט
אפרויא פון איינעם קאלאניסטען , זאל זיא אים מיט פריידע
נעהמען , «גוט» «האט זיא געענטפערט» זייא ריידען וויא איינ
פערנינפטיגע פרויא אונ וויא איינע ערפאהרענע (געניטע) דא
מוז איך אים פריהער פערזענליך קענען , אונ דאס גלייכ
גיהערע ער אויך עס צוא טאן , מיר האבין אינז צוויא
געזעהען , דאך איז עס ניט גענוגענד , וויא דער אלטע
שפריכווארט זאגט דער מענטש געהערט ניט אן צוא טרוי
זיין געשיק (מערכה) איינעם פליכטיגען בליק» מיר מוזען א
נעהר (נעהענטער) לערנען קענען (אונז בעקאנט מאכען) א
דאן ווען אונזער הערצען עלען ווירקליך שטימען איינעם
דעם אנדערען דאן פערבינדען מיר אונז פיר דיא אייביג
«אונ אין דעם האבין זייא אויך רעכט» האט איר דיא פר
געענטפערט «אונ איך שטייא אייך צו דינען אין דעם מיט מיינ
הויז , זייא קענען זיך היר טעגליך צוא זאמען קומען ,
בעשפרעכען אין איינעם בעזונדערין צימער , אונ
פערזיכערע אייך דאס איר וועט אין דיזען יונגען מאן
מעהר גוטעס געפינען אלס איר פערלאנגט» :

מעהר אלס איין גאנצין מאנאט האבין זיך דיזע ב
יונגע מענטשין געלערינט זיך קענען ביא איהר אים הוי
אונ האבין אין דיזער קליינע צייט דורך געמאכט דעם גאנ
קורזוס (דעם שטודיום) פון דער פלאטאנישע ליבע (ר
אונשולדיגע ליבע) דען זייא האבין זיך איינער אין
אנדערין , אונשטערבליך פערליבט אונ האבין זיך פערל
(פערקנאסט) :





## 5.

## «דער ערסטער בעזוך»

קוים איז מען געווארין חתן כלה האט מען זיך אנגעהייבין צוא בעזוכען אונ אין איבער ראסטער ווייזע (דאס הייסט גאנץ אונגעריכטעטער הייד) ווייל יעדער פון זייא ביידען האט געוואלט וויסען דעם אנדערען וויא ער זעהט אויס גאנץ אינגעפוצט אונ אונצוגעקליבענערהייט ביא זיך אין שטוב וויא דיזער פאל ועט מוזען זיין נאך דער הויכצייט . דיא ערסטע וויזיטע וואס ער האט איר גימאכט , ווארפאר זייא ביידען העכסט אונפארטייל האפט (גיט גוט) , ער האט איר בעזוכט געגען אבענד אוועק גייענדיג פין דער אטיליו (ווערקשטאט) מיט האלב פערדרוכטע אויגען אונ נאך ניט גאנץ געזויבערטע הענט פון דער פייער עסע אונ האט איר דער וויסט זיצענדיג גאנץ נעגלעזע ביא דער נענייא , אלזוי האט זיא אים דאן אויס געזעהן נור וויא איינע געמיינע גריזעטקע אונ אזוי אויך ער איר וויא איין געמיינער שלאסער געזעל , אונ האבין זיך אלזוי אנגעקוקט איינער דעם אנדערין שטאר (ביסטרא) אונ אונפריינדליך וויא אמאל דיא צווייא קינדער פון רבי ישמעאל כהן גדול , זון אונ טאכטער אלס זייא ווארען צו זאמען גיבראכט דעם ערסטען מאל אין איינם צימער אלס מאן אונ ווייב*) אין דעם בנצאען האט העכסט געקריינקט דאס ער איין

*) עס ווערט דער ציילט אין מדרש איכה אונ זעלבסט אין איינער קינה , דאס בשעת חורבן בית שני האבין צווייא עמישע אפיצירען גיפאנגען ר׳ ישמעאלם כהן גדול אזון מיט טאכטער וואס ווארען בליהענד שיין , אונ האבין זייא ביידען ערגיידעט (פערהולטעוועט) אין איינעם פריידענהויז (בית זונות) , אונ ווארען באלד דארויף פערקויפט צוא צווייא ערשיידענע הערשאפטען אין אצייט ארום אלס דיזע ביידע ערען זייען צו פעליגער ווייזע צו זאמענגעקומען אונ איינער האט

ון פון פארנעהמע אונ מיליאנאונע עלטערן זאל נעהמען איינע ארעמועליגע מיידכען אונ בעלאסטעטע מיט דעם שענדליכען נאמען גריזעטקע, אונ זיא ווידער וואס וואר אויך ניט וויא צו זאגען פון הינט וויא מיר וועלען דא ווייטער דער ציילען איז איר אויך גיווארין זייער איבעל צום מוט אלט זיא האט אין איר פערליבטען דער זעהען דיא גראטעסקע (פראסטען) שפירען (צייכענם) פון איינעם שלאסער, אונ האט זיך זעלבסט בעדויערט דאס זיא וואס איזט אטאכטער פון האהער געבורט זאל ווערין אפרויא פון אזוי איין געמיינעם מענטשען, אבורם אדער איין שלאסער געזעל, אונ ווארען אלזוי ביידע פערשטימט (גאנץ פלאבע) מעהר אלם איינע גאנצע שטונדע, מען וואר אונטער דער צייט גאנץ איינזילביג (ווייניג גערעט) אונ דיא ווינציגע ווארטע

---

דער ציילט דעם אנדערען וואס פאר אשיינעם מיידכען ער האט בעקומען פון דיא אידישע געפאנגענע, אונ אזוי אויך דער אנדערער האט דער ציילט וואס פאר אשיינעם קנאבען ער האט פון דיא יודען בעקומען, איז ביא זיא געבליבין דאס זיא זאלין זייא ביידען פערהייראטהען אום צוא בעקומען פון זייא שיינע קינדער וואס זייא וועלין זיך דער נאך צו טיילען מיט זייא, דער דיא קינדער פון דיא דאמאליגע יודען ווארען אזוי שיין דאס דיא גרויסע רעמישע הערשאפטען פלעגין זייא צוא האלטען אין זייערע שלאף צימערען אום זייערע פרויען זאלין זיך אויף זייא פערקוקין קוים זיינען דיזע ביידע קינדער פון ר׳ ישמעאל צוא זאמען גיבראכט גיווארין אין איינעם צימער אלם מאן אונ ווייב האט ער זיך פון איינאנדער געוויינט דאס ער איז גיקומען צוא דער שטאפע צוא הייראטהען איין שפחה, אונ זיא ווידער האט גיוויינט דאס זיא דארף הייראטהען איין קנעכט אונ דער נאך אלם זייא האבין זיך איינאנדער דער קענט, האבין זייא אויס געהויכט זייער לעבין ליגענדיג אין זייערע ארעמם :



ווארטע וואס וואר אונטער זייא גיוועקסעלט זיינען גיוועזן מער אנשפילענד (אן צו הערענדע) אלם ליבענדעס, דאס הייסט יעדער פון זייא ביידען האט אנגיוואונקען דעם אנדערן דאס ער איז ניט זיין גלייכען, אונ ביא אלעם דעם וועט ער עם לייכט פערשמערצען צו ליב איינער פלאטאנישע (אונשולדיגע ליבע) וואס איז דא ביא זייא אין שפיל, אונ וואו זיא איז (דיא ליבע) ווערט שוין ניט געקוקט אויף יחום, אויף עלטערן, וויא אונזערע חכמים זאגין (אין מדרש קהלת) אויף דעם פסוק יגם אין לו״ דאס דער כענטש וואס זיך נור פערליבט דער נעמט שוין קיינע ריקזיכט (אוואזענע) אויף קיין קינד אונ אויף קיין ברודער, דאס הייסט ער נעהמט אפרויא וואס איז גראדע געגען דעם וואויל אונד דיא עהרע פון זיינעם זון אונ פון זיינעם ברודער :

ביא אלעם דעם האט מען זיך אין דיזען אבענד געשירען גאנץ פריינטליך אונ צערטליך, מיט דעם פערשפרעכען אום זיך באלד ווידער צוא זעהען, אונ דער צוא מיט זייער פיל אינטערעסע נאכצודיינקען איבער דיא אבקונפט (יחום) פון דעם אנדערען, ווייל זייא האבין זיך איינער דעם אנדערען גיגעבין צוג צו מערקען דאס ער שטאמט הערויס פון איינעם פיל העכערען שטאנד אלם ער שיינט צוא זיין, דאס זייא ווארען שוין גיריג עם צו וויסען :

6.

## דער צווייטער בעזוך.

דער צווייטער בעזוך וואר שוין פריער אבגיזעהען אונ בעשטעלט, בעשטימט צייט אונ שטונדע, אונ יעדער פון זייא זענען האבין זיך שוין בעשטרעבט (בעאיילט) אים צו רעשעש אים צו מעקען) דעם שלעכטען איינדרוק וואס זייא האבין (גריזעטקע) גימל

ניטאכט

גימאכט איינער אויף דעם אנדערען אין דעם ערסטען בעזוך
צייערען דורך זייער פארצייטיגען (בעאיילען) זיך צו זעהען איינער
דעם אנדערען אין דער רוהע ווירקליכקייט ,(דאס הייסט וויא מען
זעהעט אוים אין דער ווארהייט) וואס קען גאנץ גלייכגילטי
געליטען ווערען ערסט נאך דער האכצייט , אבער נים אי
דער צייט פון דער פערלאבונג (פערקנסונג) דאן מוז מען זיך
ציינען אין בעסערען ליכט (קאלאר) וויא איינע שפאגעל ניי
וואהרע אין איינער שיינע עטיקעטע (שמוק פאפיר), זיא דיא ברוי
מוז אימער (דיא גאנצע כלה צייט) ערשיינען פאר דעם חת
געשמיקט (געצירט) וויא איינע דאקע (לאלקע) אונ ער (דע
בריימע׳אם) מוז זיך ציינען ביי זיינעם בעזוכע וויא אי
גירענדער אדאנים*), אזוי מיינע טייערע לעזערין דאס הייס
איינפאך גיזאגט מען מוז זיך לאזען בעטריגען אונ דאס זעלב
פערלאנגען פון דעם צווייטען דאס הייסט ער זאל זיך אויך לא
בעטריגען , אנדערש גייט עס ניט אין נאטעס וועלט , דען אל
וואס ער האט נור אין איר געשאפען איז אלם צו געשטריי
אונ צו געפארבט , שיין קאלארירט , אונ מיר לאזין זיך נא
אדער אנלאקען (אנציהען) :
אלזוי אונזערע ביידע געליבטע האבין עם ליידער פרא
גילערענט פון זייער ערשטען בעזוך , אונ האבין אלזוי
דעם צווייטען בעזוך ערשיינט איינער דעם אנדערען וויא צ
וועזען

*) גירערען הייסט דאס ברומען אדער ברוקען פון אי
טויבער אלם ער טרעט צו , צו דער זיא , דאהער ווער
גירופען דיא זיסע רייד פון איינעם געליבטען צו זיינער געלי
גירדען , אונ אדאנים הייסט יעדער היים געליפטער יונגער מ
דען אזוי האט גיהייסען דער געליבטער פון דער פענוס , אונ
עם האט אים צו ריסען איין ווילדער שוויין וואר ער בעו
פון אלע פרויען אונ דאס איז דער מיין הנשים מבכות את הת



וזען (בעשעפענעס) פון איינער בעסערען וועלט , ער איזט
קומען צו איר גאנץ געזויבערט , ריינעליך אונ גאנץ בירגערליך
אלעבאטעס) געקליידעט , מיט איינער פריינדליכע אונ ליבליכע
נע , מיט איינער וואויל ריכענדע ציגארע אין מויל. מיט פולע
שען באנבאן (צוקער גיבעק) , אונ אזוי איך זיא פון איהרער
טע (מצדה) האט זיא זיך אונ איר הייזכען זייער שיין אונ
ליך צו געבריימעט צוא דיזעם צווייטען עמפפאנגען (דאס
פנעהמען) איהרען בריימיגאם (חתן), זיא האט זיך אנגעצויגען
ר נעט אונ זויבער דאס עס וואר איינע פרייערע אן צו זעהען
, אונ דאס גלייכען האט זיא צוא געקליבין איר וואוינונג
איינעם גוטען געשמאק , דאס ביי דעם ערסטען אריין
טען וואר שוין צוא מערקען דאס דא הערשט איין
שאפטליכער גייסט אונ איינע ארדענטע (פארזאנרנע)
ליבע האנד , עם וואר איבער אל ציכטיג אונ ליכטיג , קיין
דער אלזוי דאס ער איז גיווארין העכסט איבערראסט (פלעצליך
רייט) ביי זיינעם אריינטרעטען אין דיזעם קליינען הייזכען
סענד איר זיצענד מיט איינער לויטע (גיטארע) אין דער
הערמאוים בעקומענדיג פון איר מיט איהרע צויבער
ר הימעלשע טענע (קליינגע) , ער וואר אין דער ערסטע
וויא איין טרוימענדער , אונ האט געמיינט דאן דאס ער
ווארין פערזעצט אין דער אלטען פאבעל וועלט*) אונ
האט

*) דיא פארצייטיגע גריכען רעמער אונ נאך אנדערע
ר האבין געגלויבט אין פילע פאבעלען (אויסגעדרייכטע
ער) דאס יעדע זאך האט איבער זיך איין בעזונדערען גאט
געטין , אזוי האבין זיא געגלויבט עם זיינען דא ניין מוזען
ען) , איינע וואס הייסט קליא איזט איבער שפילען,זינגען ,
אנדערע איזט איבער טאנצען , ווידער איינע איזט איבער
, איינע אנדערע איבער בויען :

האט זיך אלזוי פעראירט אין דעם קליינעם טעמפעל אר
היילינטהום פון דער מוזע (געטין) קליאָ אלס זיא מוזיצי
(שפילט) אויף איר לויטע , אונ איז געבליבען אזוי פערבלי
(צו טומעלט) ביז זיא איז אים אנטקעגען גיקומען , האט א
פריינדליך געריכט דיא האנד אונ האט אים צוא געפירט
טיש וואס עס איז גישטאנען אויף אים שוין איינע קאפע
טייא מאשינע , אונ דער ביא איינע בוטעלע קאניאק אונ א
צוקער דאזע (פוסקע) אונ דער צו וואס נאך נייטיג איז
איין גראג (פונם) צו מאכען , וואס דאס איז דיא געוואוינט
בעווירטונג (כבוד) מיט וואס מען נעכט אויף אנאכט דאר
איינגלאנד איז ווינטער צייט אונ וואס ווערט געטרונקען
הערען אונ פון דאמען :

דער גראג וואר קאכענד , דער נענענזייטיגער
אבער וואר נאך קאכענדער , דער קוים פארהער גלי
(גליהענדע) ליבעס פונקען ווער נאך דעם ערסטען גלא
צו העלער פלאמע , אונ ביא דעם צווייטען גלאז וואר מ
אזוי ווייט איין גינומען איינער פאר דעם אנדערען , א
ווייט צו געטרויט אונ איין געטרויט ער אין איר אונ ז
אים , דאס זייא האבין זיך איינער דעם אנדערען ענדע
דער ציילט פון זייער יחוס אונ זייער לעבענס געש
אונ זיינען זיך גיוואָרין דורך דעם פיל מער ליבער אונ טי
דען זייא האבין זיך דורך דעם ערוויסט דאס ניט איינער
איז פראסטער פאר דעם אנדערען , אונ וויל מיינע
לעזערין ווייסען דאך שוין פון פארהער דיא גאנצע בעגעב
פון דעם בענצאע , בלייבט אלזו אונז מער ניט איבע
דער ציילען דיא לעבענסגעשיכטע פון דער אלישבע ברענ
אונ וועל עס דיר פון איר איינענען מונד לאזען הערען א
ערצייהלט עס איר געליבטען , אין יענער גליק זעלינע נ
דעם צווייטען בעזוך :

HER 0/1!"



"מיין לעבענס געשיכטע" האט זיא זיך אפ גערופען צוא
ם נאך דעם וויא ער האט בעענדעט זיינע וואס מיר ווייסען
ין פון פריהער , לויפט ניט ווייט פון דיינער , דען איך בין אויך
אכטער פון גרויסע מיליאנערען אונ פון פארנעהמען לייטען ,
ן פאטער איז דער מיליאנאווער ביר אונ פארטער ברויער
ין קורילע , נור מיט דיזען אונטער שייד דוא ביזט פורט
אפען פון דיינען עלטערענס הויז נור אוים איינענער לוינע
אבער האב עס גיטאן אוים נויט , טראץ דעם דאס איך בין
א מיינע עלטערען א בת יחידה אונ געליבט פון זייא וויא
ר אויג אפעל , איך וואר אלט אכטצעהן יאר אלס איך בין
ט גילאפין פון זייא , איצונד בין איך אלט שוין פיר אונ
נצינ יאר , דיזע זעקס יאר האב איך פארלעבט אהנע האפענונג
איינער גוטען אויסזיכט , אונ גאנץ קימערליך זיך גענערט
יינען הענדע ארבייט , אונ בין געבליבין דער ביא ערליך
ראוו , א מיין בעסטער , עס איז קיינע קליניקייט אלס
טקע צו גענערען זיך אונ ערהען , וואס דיזעס איזט אזוי
ראפעסיאן וואס דיא קייסהייט (דיא ווייבליכע טוגענד
קייט , אדער ערליכקייט) ווערט אויף יעדען שריט
אכטען (בעשטריטען) פון יעדען פיילען (פאדלען) בובען
ליע) , איך האב גאט זייא דאנק דעם זיג (נצחון) פון אלע
שטרייטונגען געטראגען , דען איך בין ביא מיינער אונשולד
בין , גאט אין הימעל איז דארויף צייגע שוין אינ דוא וועסט
עס זיין , איך האב געליטען , אונ האב איצונד גאט זייא
שוין קיין אורזאך צו בערייען מיין פאריגען שריט ,
ייסט מיין פורט לויפען פון מיינע עלטערען , דען איך בין
יצונד אויסגעזעהנט (גוט פריינד גיוואָרין) מיט מיינעם
(מערכה) ווייל וואס איך האב גערעטירט פון איינעם
ם האנד , האב איך עס איצונד פערשאנקען נאך מיין
נס לוסט , אונ דאס מיין איך מיך זעלבסט , דען מיין

פאטער האט מיך געוואלט פערהייראטהען אן איינעם מיליאנא[...]
עלטליכען מאן וואס האט זיך שטערבליך פערליבט אין מיך
אונ אזוי אין דיזען גראד וואר איך אים העכסט אבגעניי[גט]
מיינע מוטער האט געטיילט גלייכען מיינונג מיט מיר, [...]
הייסט דאס איך זאל צו דיזער פארטי ניט געצוואונגען ווער[ען]
צום אונגליק איז זיא מיר באלד אפ געשטארבען, אונ דאן ה[...]
מיין פאטער זייער שטארק געדרונגען אין מיך דאס איך זאל[...]
דיזען אלטען ערגעבען, אונ עס איזט מיט מיר אזוי ווייט ניק[...]
דאס איך האב מיך געפונען דאריבער געצוואונגען צו פליהען
זיין הויז, איך האב ניט בעריהרט ביא אים קיין קליינאד,
גראסען, איך האב נור מיט גענומען מיינע ווינציגע אפגעשפא[רטע]
טאשען געלד, האב מיך אומגעקליידעט, בין אוועק אה[ין]
אונ האב מיך ביז דאטע גינערט אלס גריזעטקע, אונ מיין
נעהמענעם (ברעננעסעלט) איז גענוג בעוויז אויף מיינע אונש[ולד]
נון איז צו זעהען פון אונז ביידען מיין געליבטער, דאס
ביידע גלייכען אונז בענאהע אויס אין אונזערע שיקזאלען,
דאס מיט רעכט פערדינט דער בעשעפער דעם טיטול זיינעם [...]
לענקער דער עהען (מזווג זיווגים):

דיזע אויסטוישונג (אויס בייטען) פון זייער לעבענס[...]
מיט איינאנדער וואס וואר זייא ביז אהער איין געהיימניס
זייערע ביידענס הערצען פעראיינט מיט אייביגע בענד[...]
האבין ביידע געוויינט פאר פריידען אונ ווארען גוטער[...]
(לוסטיג), ער האט איר בעשאנקען אין דיזען אבענד
שיינע פרעזענטען, אונ האט איר שוין בעשטימט איין גוטען גע[...]
וואס זאל זיין גענוגענד פאר איר אויסקומען, אום זיא זאל
זיך מער ניט בעשעפטיגען מיט נעהייא אונ פוץ ארבייט, א[...]
זיך אלזוי ביז דער האכצייט וואס וועט נאך דארפין דו[...]
נאך אפאר מאנאטען, ביז מען וועט זיך איינע ווירטשא[פט]
רעכט מאכען, זיך געהעריג בעקליידען, פיהרען איין ש[...]
לעבען



לעבען, זאל זיך איר צייט צו בריינגען אין לעזען אונ שפילען,
דען זיא וואר איינע הויך נעבילדעטע פריילען, אונ מען האט
אזוי ביא דעם טיש אוועק געשוואצט (געפלוידערט) ביז דעם
גרויסען מארגען, מען האט גישפראכען איבער דיא פערנאנגענהייט
(דאס הייסט איבער דיא גינאנגענע צייט) אונ אזוי אויך
איבער דיא צוקונפט (דעם עתיד), מען האט זיך אויס געמאלט
איין גליקזעליגעס לעבען, מען האט זיך בעשפראכען זעלבסט
איבער דיא קינדער ערציהונג וואס זייא ווערען אמאל האבין,
אונ נאך איבער אזעלכע זאכען, דען ווער קען אויס שרייבען
וואס צווייא קוים פערליבטע קענען אויס פלוידערען אין דער
ערסטע נאכט פון זייער צו זאמען קומען, דער העלער טאג
האט אבגערופען דעם בענצאָע צו זיינער ארבייט אין זיינער
אטעליו אונ דאס גלייכען איר צו בעענדען דיא ארבייט וואס זיא
האט נאך צו בעענדען, אונ אפ צו טראגען אונ צו גלייך צוא
ענטזאגען זיך פון ווייטערדיגע ארבייט וויא עס איז שוין
אפגערעט גיוואָרין, אונ האבין מיט אונגעדולד ערווארטעט דעם
[מ]ומענד וואס וואר פעראבערעדעט ביא זייא ביידען אום זיך
ווידער צו זעהען:

7.

„דער אונגליקליכער בעזוך"

דער אלטער שפריכווארט זאגט „דער מענטש דיינקט,
[א]ונ גאט ליינקט" ווען איין צווייפלער (דאס הייסט אזוי איינער
[ו]אס איז מסופק אין דער געטליכע השגחה) וויל זיך נור
[א]ויסקורירין פון דיזער מוראלישער קראנקהייט איז אים צו ראטהען
[...]ר דאס ער זאל בעמערקען אן זיך זעלבסט דאס קיין מאל ווערט
[...]ייא אים ניט אויס געפירט וויא ער האט ביא זיך פלאנירט
[או]נ געדיינקט, אונ דאס איז שוין פראקטיש בעוויזען אין
אליע

אלע געשעפטן הן אין גרויסע אונ הן אין קליינע , אונ ביי אלע מענטשען פון אלען שטענדען , הן לרעה והן לטובה , אונ אזוי וואר דא דיזער פאל אויך , אויך אין זייער רעכענונג וואר איין קווער שטריך געצויגען , אונ האבין גינוג קומער אונ ליידען אויסגישטאנען ביז עס איז זייא גיווארין ערשטאטעט (ערלויבט) פון דער פארזעהונג זיך צו פעראייניגען אונ צו געניסען איין עטוואס פון אלע דיזע פריידען וואס זייא האבין שוין אין פאראוים בערעכענט :

דיא אלישבע האט זיך פון איהרע קונדען ענטזאגט אונ האט אנגעהייבען צו פיהרען איין פרידליך שטילעס לעבען וואס וואר נור אונטער בראכען (מפסיק גיווארין) נור דורך די עפטערע בעזוכע וואס דער בענצאע פלעגט איר צוא מאכען אפאר מאל אין וואך וואס דיזעס וואר ביי זייא וואהרע פעסטליכע אבענדע (יום טובדיגע נעכט) , עס וואר איר שוין מער ניט צו זעהען אויף דער שטראזע , דען זיא האט זיך שוין פערהאלטען צו הויזע פון דאן אן , אונ די קליינע איינקויפע וואס זיא האט געברויכט צו האבין פאר אירע קליינעווירטשאפט פלעגט זיא צו מאכען דורך איינע בענאכבארטע (שכנעדיקע) ארעמע פרויא קוים וואר איר צו זעהן אום שבת ביי שיינעם וועטער שפאצירען מיט איר התן דארט אין דער גרינער אלעע אונ ווייטער וואו זיא צו הויזע אימער וויא איינע פרומע מניקע . אין איר צעלע אונ דער בענצאע וואר העכסט צו פרידען דער מיט , דען אויך איין ארט איינגעצויגענעם לעבען ווערט אין איינגלאנד גירעכענט פאר די גרעסטע ווייבליכע טוגענד (פרומקייט) , אונ בפרט נאך פון אזוי איינע וויא אלישבע וואס וואר איינע גריזעטקע , האט אלזוי שוין מיט דער גרעסטען זעהענזוכט (פארלאנגען) אונ אונגעדולד ערווארטעט דעם טאג פון זייער פעראיינונג (חתונה) דען וואס אטאג מעהר איז זיא אים גיווארין אלץ ליבער טייערער



טייערער , גיפעליגער , אונ האט אנגעהייבען צוא לעבין נור פיר איר :

אין דיזע איינציגע וואכען פון זייער פערלאבונג (פערקנסונג) וואס זיינען צו לאנגזאם (צו קריכענדיג) גיגאנגען פאר זייא , דאס זייא האבין אויס גיזעהען ביי זייא וויא איינע אייביגקייט איזט זיך פערקראכען דער הערבסט מיט זיינע טריבע טאגע , אונ רעגענדיקע נעכט וואס פערגרעסערען נאך פיל מער די לאנג ווייל אונ שליסען איין יעדע פערזאן וואס נור צו בייסען אונ צו ברעכען האט אין איר היימליכען צימער , אין איינעם פון דיזע אבענדע וואס דער בענצאע וואר אין דער מיינונג צוא פערבלייבען ביי זיך אויף זיין קווארטיר ביי איינעם בוך אונ ביי איינעם גלאז גראג וואר ער גראדע געשטערט דורך איינעם אנקלאפען אין טיר , ער האט איר גיעפענט אונ עס איז אריין איין דינסט מיידכען פון אויבער אינזוענער וואס איזט איבער דעם באנהאף פון זיינעם אטעליו וואו ער דינט , אונ האט אים גיבעטען אין נאמען פון אירער דאמע דאס ער זאל וואס צום גיכסטען קומען מיט זיינע נעצייג אום אויף צו עפענען דיא טיר פון איר נאבענעם וואס דער שלאס אירער וואס איז גימאכט מיט אגרויסען מעכאניזום (קונסט) האט זיך פערהאקט , דאס קיין פראסטער שלאסער קען אים ניט עפענען :

וויא אויך עס וואר אים דיא רוהע דאן זייער ליב האט ער זיך ניט גילאזט בעטען האט גינומען דיא נייטיגע נעצייג אונ איז אוועק מיט איר צו איר דאמע , האט דעם שלאס גליקליך גיעפענט , אונ האט פון דער דאמע בעקומען איין העכסט ווארעמען דאנק , אונ נדער צו איין קאבענדעס גלאז גראג , אונ איז זיך אוועק פון דארט אין דער מיינונג צוריק צו קערען זיך אהיים , קוים אבער איז ער ארויס דארט פון די טרעפ , איזט אים איין גיפאלין אין גידאנקען דאס ווען ער שוין איין מאל ניכט צו הויזע איזט אונ איזט איצונד ניט ווייט פון זיינער ברויטם (כלה) וואוינונג

אִיזְט דָאס רֶעכְט דָאס עֶר זָאל אִיר אִיבֶּער ־ראסֶען (אִיבֶּער פַאלֶען) אוּנ עֶרְפְרַייֶען מִיט אֵיינֶעם פְלֶעצְלִיכֶען בֶּעזוּך, ־דֶען פַאר גְעוִוים מוּז זִיא זִיך אִיצוּנְד הֶעכְסְט ־לאנג וַוייֶלען, ־דִיזֶער גִידַאנְקֶען הָאט גֶערֵייפְט (גֶעצֵייטִיגְט) בַּאלְד צוּ אֵיינֶער טְהַאט (דָאס הֵייסְט עֶר הָאט עֶס וִוירְקְלִיך גֶעטָאן) צוּ זֵיינֶעם אוּנְגְלִיק אָבֶּער הָאט עֶר דֶער וִויסְט דִיא טִיר פוּן אִיר וואוינוּנְג צוּ גִישְׁלָאסֶען, אוּנ אַלְס עֶר הָאט אָן גִיקְלַאפְּט אוּנ עֶס וַואר קֵיינֶע אַנְטְוָוארְט הָאט עֶר זִיך אַיין גִיקוּקְט אִין דֶער לֶעכֶעל פוּן דֶער שְׁלִיסֶעל הָאט עֶר דֶער זֶעהֶען דָאס עֶס בְּרֶענְט אֵיינֶע ־קְלֵיינֶע נַאכְט לַאמְפֶּע (וִויא בַּייא אוּנְז לְמָשָׁל אַנַאכְטְלִיכְט) וָואס בְּרֵייטֶעט אוים נוּר אַיין דוּנְקֶעלֶען שַׁיין אִין צִימֶער אוּנ נִימַאנְד אִיז דָארְט דָא, אוּנ דִיזֶעס וַואר אִים הֶעכְסְט אוֹיפְפַאלֶענְד (חִידוּשִׁימְדִיק) אוּנ הָאט זִיך גִימַאכְט אִין שְׁטִילֶען ־דִיא פְרַאגֶע „וואוּ קֶען זִיא אִיצוּנְד זַיין, זִיא וָואס זִיא רִימְט זִיך פַאר מִיר אִימֶער דָאס זִיא צַייט פוּן אוּנְזֶער פֶערְלָאבּוּנְג (פֶערְקְנַסוּנְג) פִירְט זִיא אַיין צוּרִיק גֶעצוֹיגֶענֶעם לֶעבֶּען וִויא אֵיינֶע נָאנֶע (מִנִיזְקֶע) דָאס אִיר פוּס קוּמְט נִיט אַרוֹים פוּן שְׁטוּבּ, אוּנ גְרַאדֶע אִיצוּנְד אִיז זִיא צוּא הוֹיז נִיט דָא, אוּנ וואוּ קֶען אַזוֹי אֵיינֶע הִין גֵיין אִין אַזוֹי אַיין הוּנְדֶעס וֶועטֶער, אָ גֶעוִוים וֶוען זִיא לִיגְט נִיט אֵיינֶע טוֹיטֶע פִילַייכְט פוּן דוּנְסְט (צַאר) אוֹיף אִיר בֶּעט, אִיז זִיא אוים גִיגַאנְגֶען אוֹיף נֶעכְטְלִיכֶע בֶּעזוּכֶע“ בַּייא דִיזֶען שְׁרֶעקְלִיכֶען גִידַאנְקֶען, הָאט עֶר וָואס צוּם גִיכְסְטֶען אַרוים גִינוּמֶען דִיא גֶעצַייג זַיינֶע פוּן אוּנְטֶערֶען בּוּזֶעם אוּנ הָאט אוֹיף גִימַאכְט דִיא טִיר, אוּנ צוּ זַיינֶעם גְרוֹיסֶען פֶערְדְרוּס אוֹיסֶר דֶעם וָואס עֶר הָאט אִיר נִיט דֶער וִויסְט, הָאט עֶר נָאך דֶער ־וִויסְט טְרִיפְטִיגֶע (רֶעכְטֶע) בֶּעוַוייזֶע אוֹיף דֶעם בְּלוּטִיגֶען פֶערְדַאכְט (חְשַׁד) וָואס עֶר הָאט אוֹיף אִיר אִיצוּנְד גִיפַאסְט (בֶּעקוּמֶען), עֶר הָאט דֶער וִויסְט אוֹיף דֶעם נֵייא טִישֶׁעל אִירֶען אַיין נֶעטֶעם ־קֶעסְטְכֶען מִיט אַיינֶער צִירְלִיכֶען אוֹיפְשְׁרִיפְט „אַיין פְּרֶאזֶענְט אָן מַיינֶער גֶעלִיבְּטֶע“ :

„אָ דוּא פַאלְשֶׁע, פֶערְדַארְבֶּענֶעם וֶועזֶען!“ הָאט עֶר דַאן





אוים גֶעשְׁרִיעֶן אַזוֹי וַוייט קֶענְסְט דוּא דִיך פַארְשְׁטֶעלֶען אַזוֹי וַוייט טְרִיבֶען, אוּנ דֶער צוּ נָאך אַזוֹי אַיין נָאמֶען זִיך צוּ פֶערְשַׁאפֶען בְּרֶענְגֶעסֶעלְט, אָ וֶוען זָא, אִיזְט שׁוֹין ־קֵיין אֵיינְגֶעל צוּ טְרוֹיֶען, הִימֶעל אוּנ עֶרְד אָבֶּער הָאבִּין גִישְׁוָוארִין דָאס עֶס זָאל קֵיין זִינְדֶע בְּלַייבֶּען פֶערְבָּארְגֶען“ אַלְזוֹי אִיך מוּז דִיזֶער קֶעסְטְכֶען מִיט נֶעמֶען אוּם נָאך הֶער אִיבֶּער צוּ צַייגֶען אִיר (בֶּעוַוייזֶען) אִיהְרֶע פַאלְשְׁהַייט אוּנ וַוייס נָאך! דֶער לִיבֶּער גָאט וָואס פַאר זִינְדְהַאפְטֶע בֶּעוַוייזֶע אִיך וֶועל נָאך אִין דִיזֶעם ־קֶעסְטְכֶען נָאך וַוייטֶער פִינְדֶען, אָ נָאט זַייא דַאנְק אִיך בִּין אוֹיף דַיין שְׁפּוּר (שְׁלַאר) גֶעקוּמֶען :

קוּרְץ אוּנ גוּט ־עֶר הָאט דָאס ־קֶעסְטְכֶען מִיט גֶענוּמֶען אוּנ אִיז אַוֶועק נָאך הוֹיזֶע, הָאט אָנְגֶעצוּנְדֶען דִיא לַאמְפֶּע הָאט אוֹיף גִימַאכְט דָאס ־קֶעסְטְכֶען הָאט אִין אִיר דֶער וִויסְט צוּ זַיינֶער בֶּערוּהִיגוּנְג אוּנ צוּ גְלַייך צוּ זַיינֶער שַׁאנְדֶע פוּן זַיינֶעם אִיבֶּער אַיילְטֶען פֶערְדַאכְט נוּר טַייעֶרֶע בְּלָאנְדֶען וָואס זַיינֶען וֶוערְט הוּנְדֶערְט שְׁטֶערְלִינְג, אוּנ פוּן אוֹיבֶּען אִיבֶּער דִיא בְּלָאנְדֶען לִיגְט אַיין שְׁרַייבֶּען פוּן אֵיינֶער גֶעוִויסֶען מִיס (פְרַייְלִין) שַׁאפְּס בּוּרִיא פוּן דִיזֶען אִינְהַאלְט „דִיזֶע בְּלָאנְדֶען הָאבּ אִיך גֶעסְטֶערְן עֶרְהַאלְטֶען אַלְס פְּרֶעזֶענְט פוּן מַיינֶעם גֶעלִיבְּטֶען בְּרֵייטִיגַאם (חָתָן) אוים בַּארַאבַּאנְט, נוּן זַיינֶען זַייא אַיין עֶטְוָואס פֶערְדָארְבֶּען גִיוָוארִין אִין וֶועג, אַלְזוֹי בֶּעטֶע אִיך זַייא דָאס זַייא זָאלִין עֶס אוים בֶּעסֶערֶען דֶען נִימַאנְד וֶועט עֶס אַזוֹי גוּט מַאכֶען וִויא זַייא, אִיך וַוייס צְוַואר דָאס זַייא בֶּעפַאסֶען זִיך שׁוֹין נִיט מֶער דַאמִיט, דָאך מַאכֶען זַייא מִיט מִיר אֵיינֶע אוֹיסְנַאהְמֶע דַאמִיט פִיר אֵיינֶע גוּטֶע בֶּעלוֹינוּנְג :

„גוּט!“ הָאט עֶר בַּייא זִיך גִיטְרַאכְט, אִיך קֶען מִיך שׁוֹין הַאלְבּ בֶּערוּהִיגֶען, אוּנ בַּייא אַלֶעם ־דֶעם וָואלְט אִיך שׁוֹין וֶועלֶען וִויסֶען וואוּ זִיא דֶעם נַאכְטְס וַואר, אָ גִיבֶּע גָאט דָאס דִיזֶער פֶערְדַאכְט זָאל אַזוֹי גוּט ־עֶנְדֶען וִויא מִיט דֶעם ־קֶעסְטְכֶען, דֶען זִיא דוֹיעֶרְט מִיר זַייעֶר, אִיךְ לִיבֶּע זִיא הֶערְצְלִיך, אוּנ הֶעטֶע סַיין

לעבען געגעבען אום נור זיא טרייא אונ ערליך צו וויסען, אונ
דאן בין איך דער גליקליכסטער אויף גאטעס ערדבאדען:

נון מיינע טייערע לעזערין לאמיר אויף אקליינע צייט לאזען
דא אונזערען בענצאע האלב רוהיג האלב אונרוהיג האלב
שלומערענד האלב וואך אום אונז צו ווענדען צו דער אלישבע,
זיא וואר צוואר דאן ניט צו הויז אבער גאנץ דער ביי, ביי
דעם איינגענטהימער (באלעבאס) פון דעם הויף אין וועלכעם זיא
האט געוואוינט, זיא וואר הין געלאדען אין דיזען אבענד אויף
איינעם געבורטסטאג דען זיא וואר דארט העכסט געליבט, אונ
האט זיך ערסט ארום צוועלפען צוריק געקערט פון דארט, אונ
איז געבליבען גאנץ אויסער זיך פון גרויס שרעק אלס זיא האט
זיך ארום געזעהן דאס דאס קעסטכען איז ניט דא. זיא האט
געמאכט גרויס גלארעם, עס זיינען דארויף אן געלאפען פילע
איין וואוינער פון הויף דער ווירט זעלבסט עס וואר געזוכט,
געפארשט, אונ עס איז גאנץ אונמעגליך געוועזען איין שפור צוא
דער גיין, דען מען האט דער וויסט דיא טיר גאנץ געשלאסען
וויא פאר הער אונ אין שטוב האט קיין זאך געפעהלט מער ניט
וויא דאס קעסטכען, דאס מערקען האט זיך איין שטיק לעבען
אוועק גענומען, אונ איז געפאלען דעם ווירט צו דען פיסען דאס
ער זאל אלס מעגליכעס טאן אום עס צו דער גיין, אונ דיזער
הערר וואס וואר איר זייער גוט האט געטאן גאנץ געזעצליכעס,
האט עס באלד געמעלדעט אויף דער פאליציי, אונ זיא האט
אפגעשיקט אהין איין קאמיסאר, אונ דיזער מאן האט עקזאמענירט
יעדען איינוואוינער בעזונדער צו האט ער ניט געזעהן וועמען
אריין אדער ארויס גייענדיג, קיינער האט ניט געוואוסט פון וואס
צו זאגין לבד איינע אלטע פרויא וואס פלעגט צוא טראגען
וואסער צו דער אליזע, האט זיך אויס געדעט דאס איר דוכט זיך
דאס דער בענצאע, דער חתן אירער איז ארונטער פון דיא
טרעפ אלס זיא איזט ארויף מיט איינעם קרוג וואסער:





קוים האט ער דער פאליציי בעאמטער דער הערט
איז ער אוועק צו איהם מיט דער [illegible] (מאנדאט)
ער וואר דאן אונ גרייט דעם דיענער פאר מאג, ער האט איהם
דער דעם פראטאקאל, ער האט אויסגעפאסט אין טיר, ער
האט גלייך געקלאפט, אונ ביי דעם געפינט מיט האט דער
קאמיסאר דער העלט דאס פראטאקאל (פראטאקאל) גענאמען,
האט עס באלד צו געלעזען, אונ איהם דעם בענצאען האט ער
געלאזט בינדען אונ אפפירען אין דער פאליציי, אונ נאך דעם וואר
קיין מינוטע הערין געקלאפט אויף איין מאל פון אונזערע [illegible]
אונמענשליך געקעמפט בשורות רעות ושמועות וואס עס איז איבער
אן געגאנגען געשעהען אין דיזער שטאדט, דאס שרעקליכע פאר דאס
מען האט געשטאהלען דאס קעסטכען, דיא מייסטע וואר דאס איר
געליבטער וואר עס דער [illegible] איך בין פערלארען, האט זיא
אויס געשריען ראשעל פערלארען מיין געליבטער [illegible]
זיין לעבען פערשפילט, אונ איך בין געוועזען דיא אונגליקליכע
פערשאפען דער פאר, א, זיא דרום וואר איך איין לאנגעם
צו מאכען וויא פאלע איך גיט אויף דעם געדאנקען, דאס [illegible]
וואר מיין געליבטער דא ביי מיר אונ ער האט עס צו גענומען
וואנסט וואלט מען נאך וואס צו גענומען אונ מען וואלט דיא
מיר ניט ווידער צו געשלאסען, אלזוי האב איך שוין געווארנט
פערשטיין אז דיזעס האט נור ער געטאן אום איינעם הולען
שפאס אונ ווייטער גיט:

אבער וואס העלפט עס, דער פערשטאנד פערשטעקט
זיך על פי רוב צו קומען וויא דיא פאווארגע ראטע. וואס קומט
נאך דער שרפה, אונ ער נאך דעם אלס דיא [illegible]
איזט געשעהען:

## 8.

## „עס איזט ניט צו שערצען (שפאסען) מיט דער זינדע״

דיזער אלטער שפריכווארט „שערצע ניכט מיט דער זינדע״ וואס איז אנגעוואונקען אין ספר משלי אין דעם פסוק „כמתלהלה היורה זיקים חצים ומות, כן איש רמה את רעהו ואמר הלא משחק אני״ וויא איינער דער נור צום צייט פערטרייב (דלא זאבאווע) שיסט קוילען אונ פיילען אונ גיפט אזוי איז עס אויך דער וואס טיישט (בעטריגט נור צום שערץ) זיינעם פריינד אונ זאגט איך האב נור שפאס געטריבען, איזט אין קיין לאנד נאך אזוי גילטיג אונ ווירקליך פאר גיקומען וויא דאן אין איינגלאנד וואס דיא געזעצע פון זייער קאדעקס (שוואר זאקאנאוו) וואהרען נור בוכשטאבליך ערפילט דאס הייסט אהנע דיא מינדעסטע דייטונג אונ ערקלערונג (אביאסנענע) אונ פשיטא שוין אהנע דיא מינדעסטע פערדרייאונג. אזוי צום בייא שפיל עס וואר דארט דיא געזעצע ווען מען דער וויסט זיך פון אזוי איינעם וואס האט צווייא פרויען זאל מען אים הייגען, אונ אלס עס וואר דאן אזוי איינער ערגריפען האט אים זיין אדוואקאט געראטען דאס ער זאל נעמען אדריטע, אונ וואר דורך דעם גערעטעט. ווייל דיא געזעצע זאגט נור דאס עס זאל גיהאנגען ווערען נור דער יעניגע וואס ווערט ערטאפט מיט צווייא פרויען, אונ עס טאר דער בייא ניט גימאכט ווערין איין קל וחומר „מאדאך צווייא פשיטא שוין דרייא״ אזוי האט איינער פערראסערירט טויזענד ציגארען אין טויזענד גילדען, אונ האט זייא דער נאך אויסגערייכערט וואר ער געאורטייהלט וויא איין מארד ברענער, דאס הייסט אזוי וויא איינער וואס צינדעט אונטער זיין פערראסערירטעם הויז, אונ דאס גלייכען וואר דיזער פאל בייא דער פעראורטייהלונגען (פערמשפטען) פאר איין דיבשטאל (גנבה) וואס איז גישעהן דורך איין איינברוך אדער דורך אשלאס עפענען מיט איינעם

נאבשליסעל



נאבשליסעל, ניט אונטער שיירענדיג אוים וועלכער אבזיכט עס איז דיזעם גישעהען צו אום נור צו שטאהלען (גנבנען) אין דער ווירקליכקייט אדער בלויז צום שערץ (צום שפאס) אדער אזוי נאר צו יענעם וואויל (לטובה) צום בייא שפיל ווען מען שטוילט וועק בייא איינעם גיפט וואס ער האט זיך גיוואלט דער מיט פערגיפטען, דיא געזעצע האט דער בייא קיינע אונטער שייד גימאכט. אלזוי לויט (ווערלוג) דיזער פערפאסונג (אוסטאווע) האט געדארפט אונזער בענצאע גיהאנגען ווערין:

אומזאנסט האט זיך דיא עליזע (אלישבע) גיווארפען פאר דיא פיס פון דיא גישווארענע ריכטער אום אוים צו בעטען דאס לעבען פון איר ברייטענאם. אומזאנסט האבין זייא זיך ביידע ערקלערט פאר זייא דעם גאנצען הערגאנג (פאסירונג) פון דיזער זאכע, דיא ריכטער האבין עס ניט גיוואלט הערען אונ זעהען, ערשטענס ווייל דיא איינגעלשע געזעצע מאכט קיין אונטער שייד בייא קיין פערברעכען צווישען שערץ (שפאס) אונ ערנסט; אונ צווייטענס האבין זייא (דיא ריכטער) גיהאט איין פערדאכט אויף זייא ביידען, דאס זייערע ביידענס איין שטימיגע פערענטפערען זיך וואר עס פון פארען הערראן (פון פריהער) אפ גירעדט גיווארין צווישען זייא, אונ זיינען ביידע גלייכע בעטריגער, דאס הייסט זייער אבזיכט וואר, דאס דיא בלאנדען זאלין בלייבין זייער אייגענטהום, דען זייא האבין געמיינט דאס מען וועט דיא נעקינסטעלטע גנבה ניט דער גיין, דען עס איז אויף איינער גריזעטע אלעם צו גלויבען, אונ ער וואס קען זיך ערנידעריגען אזוי איינע צו הייראטהען איזט ניט בעסער פאר איר, דיזע פערמוטהונג (השערה) וואר בייא דיא ריכטער פיל מער אלס געווים. דען עס איז זייא שוין פיל מאל אזעלכע פעלע פאר גיקומען, איבער הויפט בייא פערליבטע גריזעטקעס וואס האבין פארגעשיצט (אפראוודאיעט) דאס מען האט בייא

זייא

זייא דיא טייערען גענייען אווֶעק געשטעלט , אונ אַם ענדע האט מען עס דער וויסט בייא זייא אַליין ·

## 9.

### „ענדע גוט אַלעס גוט“

דיזער פערדאַכט (חָשַׁד) דאס זיא איז אויך בעטהייליגט אין דיזען דיבשטאהל (גְנֵבָה) האט איר פיל מער געקרייגקט אַלס דיא געפאהר וואס האט געדראהעט (אוגראַזיעט) איר געליבטען אונ איר זעלבסט דאס לעבען צוא פערליהרען , אונ האט איר גיצוואונגען צו אַזוי אַשריט וואס זיא האט עס קיין מאל געדיינקט צו טאן , אונ דאס איז אוים צוא געבין זיך פאר דיא ריכטער ווֶעמעס טאכטער זיא איזט , אונ דאס גלייבען האט זיא פערלאַנגט פון איר געליבטען דאס ער זאל עס איר נאך טאן , אונ ער האט עס איר נאך גיגעבין וויא אויך עס וואר אים דאס ביטערר אַלס דער טויט , דען וואס טוט מען ניט אוים ליבע צו אייגער געליבטען, זייא האבין זיך ביידע גילאזט ערקענען פאר זייער אַדוואַקאט דאס זייא זיינען קינדער פון מיליאנאווע אונ פארנעהמע עלטערען· ער איז איין זון פון דעם גרויסען זיידען פאבריקאנט איזאַק האפאַר , אונ זיא איזט איינע טאכטער פון דעם מיליאנאווען ביר פארטער ברויער רובין קוריל , אונ האבין אים גלייך מיט געטיילט דיא וואהרע אורזאכען פון זייער פליכטען (אַנטלייפען) פון זייא , דער צו נאך דעם גאנצען הערגאנג פון זייער פערליבין זיך , אונ אַזוי אויך וואר אים דער ציילט דער וואהרער גרונד פון דעם דיבשטאל , אונ דיזע אַלעס וואר גענוג שטאף (מאַטעריע) פאר דעם אַדוואַקאט אום צו פערטהיידיגען (אַטבראַנען) זייא פון דער שטראַפע וואס וואר זייא וועסט צו ערקאַנט :

„ניין מיינע הערען נעשטריינגע (שטראַנגע) ריכטער בעשיצער פין אונזערע געזעצע“ האט דער אַדוואַקאט גיזאגט צו דיא געשווארענע צלענעם בייא זיינעם אויפטרעטען אין דעם





געריכטס הויז צוא פערטהיידיגען זייא (ואַסציטען) „ניין דיזע לייטע מוזען געשוינט ווערין . עס איז אונמעגליך דאס זייא האבין גיהאט דערוביא איינע בייזע אַבזיכט. דען זייא זיינען ביידע קינדער פון מיליאנאווע עלטערען , אונ דאן העטען זייא גיהוען אין אזוי אַלאגע פון געלט מאנגעל וויא איר מיינט דאס זייא וואַרען גיצוואונגען צו בעגיין אזוי איין קאפיטאלנעם פערברעכען, וואלטען זייא פערגעוויס פיל מער זיך געווענדעט צו זייערע עלטערען אַלס צו בעקומען געלט אויף אַזוי אַשענדליכע אַרט , דיא עלטערען וואלטען זייא מיט אָפענע אָרמע אויפגענומען , דען נאך איצונד איז צו לייענען אין דיא צייטונגען גרויסע בעלוינונגען אונ גרויסע פערשפרעכונגען דיא יעניגען וואס וועלען זייא געוויסע נאַכריכט געבין פון זייערע קינדער , אַלזוי מיינע הערען , האבין זייא געוואלד מיט איינער אורטייהל (דעקרעט) ביז מיר חעלען אונז איבער צייגען (וויסען אויף קלאר) וואס זייא זיינען עס ווירקליך וואס זייא זאגען , צוואר אונזערע געזעצע שיידען גיט אונטער צווישען רייך אונ אָרעם צווישען איין ערענסטען פערברעכען אונ שערצע האפטען פערברעכען , ניט פערגעסט אָבער דאס דא וואר אויך אַייפערזוכט אין שפיל . אַלזוי מוזען ריכטער דער בייא האבין איין גרויסען איינזעהען אונ מאכען אין אַזוי אַפאל וואס קען פערראוגגליקען פילע פאמיליען איינע גערעכטע אויסנאהמע :

דיזע רייד פון דעם אַדוואַקאט האט זייער שטארק געווירקט אויף דיא געכיטער פון דיא ריכטער , אונ אַלס זייא האבין איינגעצויגען ריכטיגע נאַכריכטען וואס האבין איינגעשטימט מיט דיא ווערטער פון דעם אַדוואַקאט האט מען זייא ביידען פרייא געשפראָכען מיט דעם בעדינג דאס זייא זאלין זיך צוריק קערען צו זייערע עלטערען אונ דיזעס איזט באלד גישעהן נאך זייער פערהייראטהען זיך באלד ווייל זייא האבין געפירכטעט דאס דיא עלטערען זאלען דער בייא קיינע איינחענדונגען מאכען:





א וואס פאר איין ווידער זעהען , וואס פאר א…
עס וואר בייא זייער צו זאמען קומען מיט זייערע…
זייא האבין זייא ביידען עמפפאנגען מיט אָפענע…
האבין זייא זייער זעגען גינעבין (בְּרָכָה) צו זייער פע…
האבין זיך מיט זייא געפרייט וויא אַמאל אונזער …
מיט זיינעם זון יוסף אונ האבין ערלעבט אן זייא…
אונ נאך האבין זיך קיין יונגע פאר פאלק אַזוי איי…
וויא דער בענצאע אונ דיא עליזע (אֱלִישֶׁבַע) , דען…
איינגיזעהען אין זייער פעראיינעגונג נור איינע נעמ…
(הַשְׁגָחָה) אונ זייא אַלזו געבליבין זיינע טרייע פע…
אנבעטער ביז דיזען טאג :

### ע נ ד ע